STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02159

KOSHING'S HAND-BUKH FUN PARLAMENTARISHE RULINGS

Luther Stearns Cushing

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאָשינג׳ס האַנד־בוך

פון פּאַרלאַמענטאַרישע רולינגס

רעגעלען און פאָרשריפטען וויא צו פיהרען פערזאמלונגען און
מיטינגען פון לאָדזשעס, פעראיינען, חברות,
סאָסייעטיס און אָרגאַניזאַציאָנען
איבערזעצט פון ענגלישען ביי

א. טאנענבוים.

Cushing's Manual

of Parliamentary Practice

Translated into Yiddish

BY

A. TANENBAUM.

HEBREW PUBLISHING COMPANY
50-52 ELDRIDGE ST., NEW YORK

1914

אינהאלטס פערצייכניס:

זייטע.

פאָררעדע - - - - 1

1טעס קאַפּיטעל - - - - 13
איינינע וויכטינע זאכען ביי דער ערעפנונג פאָן א פערזאמלונג

2טעס קאַפּיטעל - - - - 19
בעאמטע און זייערע פפליכטען.

3טעס קאַפּיטעל - - - - 26
איבער דיא רעכטע און דיא פפליכטען פון דיא מיטגליעדער.

4טעס קאַפּיטעל - - - - 32
איבער דיא איינפיהרונג פון געשעפטליכע פערהאנדלונגען.

5טעס קאַפּיטעל - - - - 41
איבער פאָרשלעגע אין אלגעמיין.

6טעס קאַפּיטעל - - - - 45
אונטערצודריקען א פאָרשלאג.

7טעס קאַפּיטעל - - - - 50
איבער פאָרשלעגע אבצולעגען א פאָרשלאג.

8טעס קאַפּיטעל - - - - 52
איבערווייזונגס פאָרשלעגע.

9טעס קאַפּיטעל - - - - 55
איבער דעם ערואץ פאָרשלאג אומצוענדערן אָדער אויסצובעסערן
א פאָרשלאג.

וייטע.

10טעם קאַפּיטעל - - - - 69
איבער פראגען און אין וועלכער אָרדנונג מען קען זיי שטעלען.
11טעם קאַפּיטעל - - - - 97
איבער דיא געשעפטס אָרדנונג.
12טעם קאַפּיטעל - - - - 102
דיא אָרדנונג אין א דעבאטע.
13טעם קאַפּיטעל - - - - 123
צוריק נעהמען א בעשלוס, (רעקאָנסידערן א בעשלוס).
14טעם קאַפּיטעל - - - - 124
איבער קאָמיטעעס.
15טעם קאַפּיטעל - - - - 133
איבער בעאמטען וואהל.
שלום בעטראַכטונגען - - - 136

אינהאַלטס פערצייכניס.

זייטע.

א.

אבוועזענהייט פון פרעזידענט, 23
אבוועזענהייט פון סעקרעטער, 26
אַבזשעקשען, 87
אבשטימונג, 7
אבשטימען א פאָרשלאג, 42, 120, 121
אבשטימען עטליכע פאָרשלעגע, 61
א ביטשריפט, 36
אויסשליעסען, 32
אויסשטרייכען, 32
אויסשטרייכען א פאָרשלאג, 63
אונטערברעכען א רעדנער, 102, 115
אונטערברעכען א דעבאטע, 111
אונאנשטענדיגע רעדען, 109, 114
אונאנשטענדיגעס בענעהמען אין א קאָמיטע, 130
אונערלעדיגטע געשעפטע, 82
אונטערשטיצען א פאָרשלאג, 38
אויפ'ן טיש לעגען, 51
איבערגעבען א פאָרשלאג צו א קאָמיטע, 52

זייטע.

אינהאַלט פון א רעדע, 106
אינסטרוקציאָנען, 54
אקקלאַמאציאָן, 134
אלע האָבען רעכט, 6
אמענדמענט, 56, 62, 66, 70, 71, 73, 91, 96
אמענדמענט צו אן אמענדמענט, 65, 66, 69, 71, 89
אמענדמענט צו פערניכטען א פאָרשלאג, 74
אנוועזענד זיין אין לאָקאל, 31
אנרופען ביים נאמען, 30
אנשטענדיג זיך פערהאלטען, 27
אנטראג, 36, 38
אפלעגען דעם מיטינג, 77, 78
אפלעגען א פאָרשלאג, 76, 91, 94
אפעלאציאָן געגען טשער, 84
ארבייטען פון א קאָמיטע, 128, 129
אָרדנונג, 2, 15
אָרדנונג פון פראגען, 75
אָרדנונגס פראגען, 82, 83, 84
אָרדנונג אין א דעבאטע, 102
אָרדנונג פון פערהאנדלונגען, 99

זייטע.

אָרדער, 7

אָרגאַניזירען, 2

אָרגאַניזאַציאָן פון קאָמיטעען, 128

ארויסוואַרפען ווערטער פון א פאָרשלאַג, 67, 68

ארויסגעהן פון לאָקאַל, 116

אָריגינאַל פראגע, 43, 45, 46, 47, 48.

ב.

בעאַמטע, 17

בעאַמטען וואהל, 133

בעליידיגענדע ווערטער, 114, 115

בענעהמען פון מיטגליעדער, 28, 29

בענעהמען פון א רעדנער, 105

בעטען דאס וואָרט, 34

בעפאָרצוגטע פראגע, 75, 76, 78, 80.

ביטע, 35, 118

ביטשריפט, 36, 37, 38

בלאנק פאָרשלאַג, 59, 60.

ג.

געברויכען געוואלט, 7

געזעצע, 16

געשעפטס אָרדנונג, 97, 98

גלייבע שטימען, 122.

זייטע.

ד.

דעבאַטע, 106

דעלעגאַט, 3

דאפיר, } 119, 120, 121
דאגעגען, }

ו.

וואהל פון בעאַמטע, 133

וואוט, 7, 9

וויא מען זאָל רעדען, 103

וויא פיעל מאָל מעג מען רעדען איבער איין זאַך, 109

וויא מען דארף זיך בענעהמען, 113

ווער מאַכט א קלאגע? 113, 116

וויכטינקייט פון קאָמיטעען, 126

וויא פיעל מיטגליעדער מאַכען א קוואָרום, 14

וויס פרעזידענט, 3

ז.

זיין אין לאָקאַל, 31, 116

ט.

טאגעס אָרדנונג, 79

טאגעס אָרדנונג פון א קאָנ־ווענשיאָן, 80, 81

טהיילען א פאָרשלאַג, 56, 57, 58

טעללער, 133

זייטע.

טרוסטים, 135
טשערמאַן, 3
טשערמאַן פראָ טעמפּארע, 23
טשערמאַן פון א קאָמיטע, 128

ל.

לעגען אויפ'ן טיש, 67, 92, 93

מ.

מאַיאָריטעט, 20
מאכט פון א קאָמיטע, 126
מאכען א פאָרשלאַג, 8
מאכען א פאָרוואורף, 32
מיטגליעדער, 26
מיטטהיילונגען, 33
מיטטהיילונגען פון פרעמדע, 35

נ.

נאכזעהן ביכער און דאָקומענטען, 85, 86, 87
נאָמינאציאָן, 3
נאָמינאציאָן, פאָרזיכטיג זיין ביי א נאָמינאציאָן, 6
ניט ערלעדיגטע געשעפטע, 82

ס.

סוספּענדירען א רעגעל, 88
סעקרעטער, 3

זייטע.

סעקרעטער 1טער און 2טער, 3
ספּעציאַל רעגעלן, 7, 17

ע.

ענדערן א רעגעל, 16
ערזאַץ פאָרשלאַג, 42, 51, 55, 75
ערזאַץ פראַגען, 90
ערנענען קאָמיטעען, 126
ערעפנונג דער פערזאַמלונג, 13
עטליכע פאָרשלעגע מיט אמאָל, 61

פ.

פאָרזיצענדער, 3
פאָרזיכט ביי א נאָמינאציאָן, 6
פּאַרלאַמענטארישע רעגעלן, 7, 8, 9
פאָרמאַליטעטען, 10
פאָרשלאַג, 8, 33
פאָרשלאַג צו א פאָרשלאַג, 41
פאָרשלאַג צו פערלעזען דאָקומענטען, 85
פאָרשלאַג צוריק צו ציעהן א פאָרשלאַג, 63
פאָרלעגען א פאָרשלאַג, 40, 41, 100, 101
פאָרלעזען דאָקומענטען און צושריפטען, 85
פאָרפראַגע, 43, 45, 46, 47, 48, 93

זייטע.

פול מאכט, 54

פלאץ פון א פערזאמלונג, 6

פלוראליטעט, 20

פלענאר קאָמיטע, 131, 132

פערלאסען דאס לאָקאַל, 30, 116

פערטאַגען א פאָרשלאג, 76

פערטהיידיגונג, 116

פפליכט פון פרעזידענט, 15, 21, 22, 23

פפליכטען פון סעקרעטער, 24, 25

פפליכטען פון מיטגליעדער, 28

פראגע, 117, 118, 119

פראגען, 75

פראָטאָקאָל סעקרעטער, 24

פריווילעגירטע פראגע, 75, 76, 78, 80

פריוואט קלאגע, 117

פרינציפ פון א בעשלוס, 16

פרעזידענט, 3

פרעמדער, 6

צ.

צווייא בעטען דאס וואָרט, 34, 35

צווייא ערזאץ פאָרשלעגע, 92

צו וואָס גיט מען איבער א פאָרשלאג צו א קאָמיטע, 55

זייטע.

צו זעצען ווערטער צו א פאָר־שלאג, 71, 72

צופאלס פראגע, 75, 82

צוריק נעהמען א בעשלוס, 123

צוריק ציהען א פאָרשלאג, 40

63, 87

צייט פון א פערזאמלונג, 16

ק.

קאָמוניקאציאָן, 33

קאָמיטע, 3, 124

קאָמיטעען אלערליי, 125, 126

קאָמיטע פון דער גאנצער פערזאממלונג, 131, 132

קאָמיטע פאר א פאָרשלאג, 52

קאָמיטע שטענדיגעס, 53

קאָמיטירען, 95

קאָנווענשיאָן, 5, 58, 80

קווארום, 13

קלערק, 3

קלאגע געגען א קאָמיטע, 131

קלאגע, 30, 115

קרעדענשיאל, 3

ר.

רופען צור אָרדנונג, 29, 108, 113

רעזאָלוציאָן, 8

	זייטע.
רעזולטאט,	8
רעגעל,	16
רעדען צום פונקט,	108
רעדען א געוויסע צייט,	111
רעדען עטליכע מאָל איבער אין פראגע,	110
רעדנער ליסטע,	112
רעזיגנאציאָן פון א בעאמטען,	135
רעקאָנסידערן,	88, 89, 123
רעכט אנטהייל צו נעהמען אין א דעבאטע,	5
רעכט צו אפעלירען,	6
רעכטע פון מיטגליעדער,	26
רעכטס פראגען,	78

ש.

	זייטע.
שליעסען דיא דעבאטע,	112
שליעסען דיא פערזאמלונג אָהן א בעשטימטען טאג,	77
שפראכע פון א רעדנער,	107
שריפט פיהרער,	3
שטעהען אָדער זיצען,	24, 26
שטענדינעס קאָמיטע,	53
שטימען,	9
שטימצעטעל,	133, 134
שטראפען,	32

קאַשינג'ס

האַנד־בוך

דער

פּאַרלאַמענטאַרישען פּראַקסיס.

איבערזעצט פון

א. טאַנענבוים.

איינליימונג.

1. אין פרייע לענדער, וואו דיא איינוואָינער האבען דאס רעכט זיך צו פערזאַמלען וועגען געוויסע צוועקע, זיך צו פעראייניגען אום צו דערגרייכען געוויסע ציעלע, זיך צו בעראַטהען איבער אַלע מעגליכקייטען, עפענטליך צו פערהאנדלען איבער דיעזע אַנגעלעגענהייטען, מוזען פעסט־געזעצט ווערן געוויסע פאָרמען, געוויסע רעגעלען און אַ געוויסע אָרדנונג, וויא דיעזע פערזאַמלונגען זאָלען געפיהרט ווערן.

געוועהנליך זיינען אַ זעלכע פערזאַמלונגען שוין פריהער אָרגאַניזירט: זיי האבען שוין זייערע געוועהלטע בעאמטע

און אַ פעסטגעזעצטע אָרדנונג, וויא זיך צו פיהרען, זאָ צום ביישפיעל, לאַדשען, פעראיינע, סאָסייעטים אָדער פערזאַמלונגען פון אַ שטאדט פערוואַלטונג, מוניציפּאַליטעט, אדער פערשיעדענע פינאנציעלע קאָ־פּעראציאָנען, עס קומט אבער פאַר זעהר אָפט, אז עס פערזאמלען זיך מענשען, וועלכע דאַרפען זיך ערשט אָרגאניזירען, וועלכע דאַרפען ערשט בעשטימען און פעסטזעצען, וואס זיי ווילען, וואס זיי פערלאַנגען און צו וועלכען צוועק זיי שטרעבען.

3. אין אַזא פאַל איז דער בעסטער וועג זיך צו אָר־גאַניזירען אויף פאָלגענדער אַרט: איינער פון דיא פער־זאמעלטע בעט דיא איבעריגע, זיי זאָלען קומען צו אָרדנונג, דאס הייסט, זיי זאָלען זיך זעצען אויף זייערע פּלעצער און זאָלען ווערן אויפמערקזאַם אויף דאס, וואס עס וועט פאָרקומען. ווען יעדער האט זיך געזעצט אויף זיין פּלאַץ, ערקלערט ער, אז עס איז נאָטהוועענדיג, זיי זאָלען זיך אָרגאַניזירען און זאָלען וועהלען איינעם פון זיי, וועלכער זאָל פיהרען דעם פאָרזיץ, און זאָל אַכטונג געבען, אַז דיא פערהאַנדלונגען זאָלען געפיהרט ווערן אין דער אָרדנונג, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען פאר א זעלבע פערזאַמ־לונגען.

4. יעדער פון דיא פערזאַמעלטע מעג דאן אויסרופען אָדער אָנגעבען דעם נאמען פון אַ פערזאָן, וועלכע ער געפינט פאַר פעהיג און פּאַסענד צו פיהרען דיעזע פער־

זאַמלונג אין דער בעסטער אָרדנונג. ער ערקלעהרט דאַן אַז דיעזער און דיעזער איז נאָמינירט געוואָרען אַלס פּאָר-זיטצענדער אָדער טשערמאַן און פרעגט איהם, אויב ער נעהמט אן דיעזע נאָמינאציאָן, דאס הייסט, דיעזעס אַמט. נעהמט דיעזע פּערזאָן ניט אן דאס אַמט פון אַ פּאָרזיצענ-דען, מוז מען עפּענען אַ נייע נאָמינאַציאָן, בּיז עס גע-פינט זיך אַ פּערזאָן, וועלכע נעהמט אן דיעזעס אַמט. ווילען צווייא פערזאָנען מיט אַ מאָהל אָננעהמען דיעזעס אַמט, מוז מען אבשטימען אָדער וועהלען א פּאָרזיצענדען.

5. ווען דער פּאָרזיצענדער איז געוועהלט, מוז מען נאָמינירען און וועהלען א שריפטפיהרער, סעקרעטער, פיר דיעזע פערזאַמלונג. געוועהנליך איז אַ פּאָרזיצענדער און א שריפטפיהרער גענוג אום צו פיהרען אַ פערזאמלונג, געפינט אבער דיא פערזאמלונג, אז עס איז נעטהיג צו וועהלען נאך אנדערע בעאַמטע פיר דיעזע פערזאַמלונג, קען מען נאמינירען און וועהלען אלע בעאמטע, וועלכע מען געפינט פאר נעטהיג.

6. מען רופט געוועהנליך דעם פּאָרזיצענדען פ ר ע ז י-ד ע נ ט און דעם שריפטפיהרער ס ע ק ר ע ט ע ר, עס מאכט זיך אבער, אז מען רופט דעם פּאָרזיצענדען ט ש ע ר מ א ן און דעם שריפטפיהרער, ק ל ע ר ק, שרייבער. אין פיעלע פערזאמלונגען געפינט מען עס פאַר נעטהיג צו האבען א י י ן אדער עטליכע וויס-פרעזידענטען. דיעזע וויס-פרעזי-

דענטען, בעזאָנדערס דער ערשטער וויים-פּרעזידענט, פיהרט די פערזאַמלונג. ווען דער פּרעזידענט איז אַבוועזענד, איז ער אבער אנוועזענד און פיהרט אליין די פערזאמלונג, ווערן די וויים-פּרעזידענטען בעטראכט אלס געוועהנליכע מיטגליעדער, אבּוואהל זייא זיצען לעבען פּרעזידענט אדער אויף א בעזונדערען פלאַץ, וועלכער איז בעשטימט פאַר זיי.

דאס זעלבע איז מיט די סעקרעטערע. עס קומט אָפּט פאָר, אז מען דארף האבען עטליכע סעקרעטערע, דאן אבער איז דער ערשטער סעקרעטער בעטראכטעט אלס דער אייגענטליכער שריפטפיהרער, די איבעריגע ווערן בעטראכט אלס געוועהנליכע מיטגליעדער.—אלע בעאמטע מוזען זיין מיטגליעדער פון דער פערזאמלונג, אויסער דעם סעקרעטער, וועלכער קען אויך זיין קיין מיטגליעד פון דער פערזאמלונג. אלס מיטגליעדער פון דער פערזאמלונג האבען די בעאמטע דאס רעכט טהייל צו נעהמען אין די פערהאנדלונגען, אין די דעבאַטען און אין די אב-שטימונגען, דער פּרעזידענט אבער דארף קיין אנטהייל נעהמען אין דעבאַטען און אבשטימונגען. ער גיט אפּ זיין שטימע נור דאן, ווען די שטימען זיינען צוטהיילט אויף גלייכע העלפט.

7. אין די בעראַטהענדע פערזאַמלונגען, אין וועלכע די מיטגליעדער פערטרעטען אנדערע געזעלשאפטען, וויא,

צום ביישפיעל, אין קאנוועציאנען פון גרויסע קערפער-
שאפטען, איז עס נעטהיג נאכצוזעהן, אויב יעדער פון דיא
פערזאַמעלטע איז ווירקליך בערעכטיגט צו פערטרעטען
אין געזעלשאפט און אנטהייל צו נעהמען אין דיא פער-
האנדלונגען. איידער מען הייבט אן דיא פערהאנדלונגען,
מוז מען ערוועהלען אדער ערנענען א קאָמיטע, וועלכעס
זאָל נאכזעהן, אויב יעדער דעלעגאַט איז געזעצליך גע-
וועהלט אָדער ערנאנט פון זיין געזעלשאפט און אויב ער
האט אַ בעשייניגונג, אַ קרעדענשיאל, אז דיא געזעלשאַפט
האט איהם געשיקט אלס איהר פערטרעטער, אלס איהר
דעלעגאַט.

8. ווען עס ענטשטעהט אַ פראַגע, אויב איינער פון
דער פערזאַמלונג איז בערעכטיגט ביי צו וואהנען דיעזע
פערזאמלונג און אנטהייל צו נעהמען אין דיא פערהאנד-
לונגען פון דיעזער פערזאַמלונג, האט דיעזעס מיטגליעד
דאס רעכט צו פאָרדערן דאס ווארט אין דיעזער פראַגע
און צו פערטהיידיגען זיינע רעכטע. ווען ער ענדיגט זיין
פערטהיידיגונגס רעדע, דארף ער זיך צוריקציעהען, ביז דיא
פערזאמלונג ענטשיידעט, אויב ער האט דאס רעכט
אנטהייל צו נעהמען אין דיעזער פערזאמלונג אָדער ניט.
דיא פערזאַמלונג קען אבער איהם ערלויבען צו בלייבען
אין לאָקאל און אויסצוהערן דיא דעבאַטען, וועלכע ווע-
לען פאָרקומען איבער זיינע רעכטע. אין אַזאַ פאַל האָט

אבער דיעזעס מיטגליעד קיין רעכט אנטהייל צו נעהמען אין דיעזע דעבאַטען.

עס איז אָנגענומען פאַר א פעסטגעזעצטע רעגעל אין אלע בעראַטהענדע פערזאמלונגען, אַז אלע מיטגליעדער, איבער וועמעס רעכטע איז נאך קיין צווייפעל ענטשטאנ-דען, זאלען האבען דיא מאכט צו ריכטען, צו אורטהיילען און צו ענטשיידען א זעלכע פראַגען. זעהר אָפט אבער ערוועהלט מען אָדער ערנענט מען א קאָמיטע, וועלכעס זאָל ענטשיידען א זעלכע פראגען ניט עפענטליך. אין אַזאַ פאַל האט דאס מיטגליעד, וועמען דאס קאמיטע האט אבגעוויעזען, דאס רעכט צו אַפעלירען צו דער פער-זאַמלונג געגען דיא ענטשיידונג פון קאמיטע.

מען מוז אלזאָ זיין זעהר פאָרזיכטיג ביי דער נאמינא-ציאָן פון בעאַמטע צו נאָמינירען נור א זעלכע פערזאָנען, וועלכע זיינען אויסער יעדען צווייפעל בערעכטיגט אנצו-נעהמען אַזאַ אַמט.

9. דער פלאַץ פון א פערזאמלונג געהערט געוועהנליך צו דער פערזאמלונג פאר דיעזען צוועק, עס איז אלזאָ דאס אייגענטהום דער פערזאמלונג אויף דיא צייט פון דער פערזאמלונג און צום צוועק פון דער פערזאמלונג און דארום האט קיין פרעמדער דאס רעכט צו בלייבען אין דיעזען פלאַץ אין דער צייט פון דער פערזאמלונג אָהן ערלויבנים פון דער פערזאמלונג. ווען אזא פרעמדער וויל

ניט פארלאזען דעם לאקאל, ווען מען הייסט איהם, אָדער ווען ער בענעהמט זיך ניט אנשטענדיג, מעג דיא פערזאמלונג געברויכען געוואַלט אום ארויסצופיהרען אזא פערזאָן פון לאָקאל.

10. יעדע בעראטהענדע פערזאמלונג מוז אָננעהמען געוויסע רעגעלן און געוויסע פאָרמען, וויא אזוי זיך צו פיהרען און וויא אזוי צו פערהאנדלען איהרע אנגעלעגענהייטען, זאנסט איז דאָך אונמעגליך צו פיהרען געשעפטען, זיך צו בעראטהען און קומען צו א בעשלוס. צו דיעזען צוועק זיינען געמאכט דיא פאַרלאמענטארישע רעגעלן, אבער יעדע פערזאמלונג האט דאס רעכט און דיא מאכט פעסט צו זעצען און אנצונעהמען אנדערע רעגעלן און אנדערע פאָרמאליטעטען, וועלכע פאסען איהר בעסער, און דיעזע שפעציאל רעגעלן בלייבען אין קראפט זאָגאר ווען זיי זיינען געגען דיא געוועהנליכע פארלאמענטארישע רעגעלן. אין אזא פאל ווערן דיא געוועהנליכע פארלאמענטארישע רעגעלן נור דאן געברויכט, ווען עס קומען פאָר פעללע, וועלכע זיינען ניט בעשטימט דורך דיעזע שפעציאל רעגעלן.

11. דיא געדאנקען, מיינונגען, בעשליעסע, פערלאנגען און וויללען פון יעדער בעראטהענדער פערזאמלונג קענען אויסגעדריקט ווערן דורך א רעזאָלוציאן (רעזאָלושין), דורך א בעפעהל (אָרדער), אדער דורך אבשטימונג (אַ וואוט).

ווען דיא פערזאַמלונג הייסט עפּעס טאהן, צום ביישפּיעל, אויסצאהלען געלדער, הייבט עס אַ בעפעהל, אן אָרדער. איהרע מיינונגען, איהרע פּרינציפּען, איהרע ציעלע און צוועקע אבער ווערן מייסטענס אויסגעדריקט דורך א רעזאָלוציאן, רעזאָלושין, אַ בעשלוס, אן אבשטימונג, אדער א וואוט, איז דאס רעזולטאט פון א פראגע, וועלכע דיא פערזאמלונג האט ענטשיעדען דורך דיא מעהרצאהל פון שטימען.

12. דאס פערלאנגען אדער דער וויללען פון א פערזאמלונג פון פיעלע מענשען, וועלכע ווערן בעטראכט אלס איין קערפּערשאפט, ווערט בעוויעזען דורך דעם, ווען דיא מעהרצאהל פון דיא פערזאמעלטע ווילליגען איין און שטימען איין דארין. אום עס צו בעוויזען און צו בעשטימען, ווען עס האנדעלט זיך וועגען א געוויסען געגענשטאנד, איז אנגענומען געווארען, אז איינער פון דער פערזאמלונג זאָל מאכען א פאָרשלאג אין אזא פאָרם און אין אַ זעלבע ווערטער, אז ווען דיא מעהרצאהל פון דיא מיטגליעדער שטימען איין און ווילליגען איין מיט דיעזען פארשלאג, דריקט דאס אוים דעם וויללען און דאס פערלאנגען פון דער גאנצער פערזאמלונג. — דיעזער פאָרשלאג איז דער פונדאמענט, דער גרונדשטיין פון דיא פערהאנדלונגען. מען קען איהם אננעהמען, מען קען איהם פערווערפען, צוריקווייזען, ניט אננעהמען, מען קען איהם ענדערן, מען

מען איהם אויסבעסערן. עס הענגט אָפּ דערפון, אויב דיא מעהרצאהל פון דיא מיטגליעדער שטימען איין מיט דיעזען פאָרשלאג און מיט דעם זינן און דער מיינונג פון דיעזען פאָרשלאג, אָדער זיי זיינען געגען איהם. דיא פערשיעדענע פערהאנדלונגען, וועלכע קומען פאָר פון דעם אנהויב, ווען איינער מאַכט אַפאָרשלאג, ביז צום ענדליכען בע־שלוס פון דער פערזאַמלונג איבער דיזען פאָשלאַג, זיינען דערהויפּט געגענשטאנד פון דיא פאַראַלאמענטאַרישע רעגעלן אין אלע בעראַטהענדע פערזאַמלונגען.

13. ווען דיא פערהאַנדלונגען פון אפערזאַמלונג וואָלטען זיך בעשרענקט נור אויף פאָרשלעגע פון איינ־ציגע מיטגליעדער און אַבשטימונגען פון דער פערזאמלונג, אויב מען זאָל די פאָרשלעגע אָננעהמען אָדער זיי ניט אָננעהמען, וואלט מען געדארפט האָבען זעהר ווייניג פארלאמענטארישע רעגעלן. עס איז אָבער ניט אזוי, דיא אויפגאבע פון דיא מיטגליעדער פון אפערזאמלונג בע־שטעהט ניט נור דארין, אז זיי זאלען שטימען (וואוטען) פאר אפאָרשלאַג אָדער געגען אפאָרשלאג. ווען אפאָרשלאג ווערט געמאַכט, קענען פאָרקומען פערשיעדענע פעללע: עס קען זיין, אז מען זאָל דעם פאָרשלאַג באַלד, אָהן דעבאַטען, אָננעהמען אָדער פערווערפען. עס קען אויך זיין, אז דיא פערזאַמלונג וויל גאָר דעם פארשלאַג ניט אָננעהמען און איהם גאָר ניט פערהאַנדלען, עס קען

וויעדער זיין, אז דיא פערזאמלונג געפינט פאַר נעטהיג אַפצולעגען אויף שפעטער, ווען עס וועלען געמאכט ווערן אַנדערע בעשטימונגען; עס קען אויך זיין, אַז מען גע-פינט פאַר נעטהיג אַפצולעגען דעם פאָרשלאַג אויף אגעוויסע צייט. עס קען וויעדער זיין, אז מען קען אננעמען דעם פאָרשלאַג נור, ווען ער וועט געענדערט ווערען, עס קען אַבער אויך זיין, אז דיא פערזאמלונג איז איינפערשטאנען מיט דעם הויפט זינן, מיט דער הויפט אידעע פון פאָר-שלאַג, אָבער דער פאָשלאג איז געמאכט געוואָרען אין אַזאַ פאָרם, און איז אויסגעדריקט געוואָרען מיט אזעלכע ווערטער, וועלכע מען קען ניט אָננעהמען. דיא פערזאמ-לונג פאָרדערט אלזא, אז דער פארשלאג זאל געמאכט ווערן אין אנאדער פאָרם, מיט אנדערע ווערטער, דאן ערשט וועט ער פעהאנדעלט ווערן.

אום דיא פערזאמלונג זאל זיין אים שטאנד ריכטיג צו האנדלען און אויף דער בעסטער אַרט צו פערהאנדלען אפאָרשלאַג און צו קומען צו אגעוויסען בעשלוס, האט מען אָנגענומען געוויסע פאָרמאַליטעטען, געוויסע רעגעלן, געוויסע מוסטער וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען אין אלע פערזאמלונגען פון פרייע מענשען, וועלכע זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אום זיך צו בעראטהען איבער זייערע אַנגעלעגענהייטען און אויסצוגעפינען מיטעל און וועגען, וויא צו בעפערדערן זייערע צוועקע און וויא צו קומען צו זייער ציעל.

דיעזע פאָרמען, דיעזע רעגעלן און דיעזע מוסטער זיינען גענומען געוואָרען פון דיא פערהאַנדלונגען פון ענגלישען פּאַרלאַמענט, זיינען אָבער אין פיעלע בעציהונגען אומגעענדערט געוואָרען אין קאָנגרעס פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען און זאָגאר אין דער אַסעמבלי פון יעדער שטאַאט. מען קען אַלזאָ זאָגען, אַז יעדער שטאַאט אין אַמעריקא האט זיינע אייגענע פּאַרלאַמענטאַרישע רעגעלן. דאס איז אויך וואַהר אין געוויסע פּונקטען, אין אַלגעמיינען אבער זיינען דיא פּאַרלאַמענטאַרישע רעגעלן דיא זעלבע אין אַלע לענדער, וואו פרייע מענשען פערזאַמלען זיך אום פרייא און זעלבסטשטענדיג זיך צו בעראַטהען איבער זייערע אַנגעלעגענהייטען.

דיעזע אַלגעמיינע רעגעלן וויל איך איבערגעבען אין פּאָלגענדע בלעטער.

I. קאפּיטעל.

איינינע וויכטינע זאכען ביי דער ערעפנונג פון א פערזאמלונג.

1. איידער א פערזאמלונג הייבט אן איהרע פער-האנדלונגען, איז עס פאר איהר זעהנוויכטיג צו בעאָבאַכ-טען, אָפּצוהיטען, געוויסע פארמאליטעטען, געוויסע רעגעלן און א געוויסע ארדנונג, וועלכע מאכען איהרע פערהאנד-לונגען רעכטליך, געזעצליך און וויכטיג.

I. אַבטהיילונג.

א קוואָרום.

2. אין יעדער בעראטהענדע זיצונג און פערזאַמלונג פון פיעלע מיטגלידער איז עס נאטהווענדיג פעסט צו זעצען און צו בעשטימען, וויא פיעל מיטגלידער פון דער געזעלשאפט, דעם פעראיין אדער דער בעראטהענ-דער פערזאמלונג, וויא צום ביישפּיעל, א קאָמיטע, האַבען דאס רעכט צו פערהאַנדלען, זיך צו בעראַטהען און צו בעשליעסען איבער דיא אנגעלעגענהייטען פון גאַנצען פעראיין, פון דער גאנצער געזעלשאפט אָדער פון דעם גאַנצען קאָמיטע. מען קען דאך ניט אָננעה-מען, אַז דרייא מיטגליעדער פון אַ לאָדש, פון אַ פער-איין אָדער פון אַ סאסייעטי זאָלען האבען דאס רעכט זיך צו פערזאמלען און צו מאַכען בעשליעסע פאר דער גאַנצער לאָדש אדער דעם גאנצען פעראיין. מען מוז

אלזא בעשטימען, אז 10, 20, 30 אדער 50 מיטגלידער האבען דאס רעכט צו פערהאנדלען דיא אנגעלעגענ־הייטען פון דער גאנצער געזעלשאפט, ווייל זאָנסט וועלען דיא איבעריגע מיטגלידער האבען דאס רעכט זיך צו בעקלאגען, אז מען האט געהאנדעלט ניט עהרליך געגען זיי.

דיעזע בעשטימטע צאהל מיטגליעדער הייסט א קוואָרום.

3. פון וויאפיעל מיטגלידער בעשטעהט אבער א קוואָרום? — דאס קען בעשטימט ווערן: א) דורך א גע־זעץ, וויא עס איז איינגעפיהרט אין אלע געזעצגעבענדע קערפערשאַפטען, אין סענאט און אין דיא אסעמבלים. ב) דורך געברויך, מנהג, וויא עס איז אנגענומען אין ענגלישען פארלאמענט. ג) דורך א בעשלוס פון דער געזעלשאַפט אָדער פון פעראיין. אין פאַל עס איז אין דיעזער בעציעהונג ניט געמאַכט געוואָרען קיין געזעץ, קיין געברויך און קיין בעשלוס, מוזען דיא מעהרצאהל דער מיטגליעדער זיין אנוועזענד אום דיא פערזאַמלונג זאל האבען דאַס רעכט צו מאכען בעשליסע.

4. זאָ לאַנג עס איז ניטאָ קיין קוואָרום אין פערזאַמלונגס לאָקאַל, קענען קיינע געשעפטע אָדער אַנגעלעגענהייטען דער געזעלשאַפט, דער לאָדש אָדער דעס פעראיינס פערהאַנדעלט ווערן. עבען זאָ מוז מען אויפהערן צו פערהאַנדלען איבער דיא אנגעלעגענהיי־

טען דער געזעלשאַפט, ווען עס איז געווען אַ קוואָרום ווען די פּערהאַנדלונגען האבען זיך אנגעהויבען, דאַנן זיינען איינינע מיטגליעדער אַוועק געגאַנגען און אין לאָקאַל איז ניט געבליעבען קיין קוואָרום. עס איז אַלזאָ די פּפליכט פון דעם פּרעזידענט אָדער פון דעם פאָרזיצענדען, ער זאָל זיך ניט זעצען אויף זיין שטוהל און זאָל ניט עפּנען די פּערהאַנדלונגען, ביז ער וועט זיך איבערציינגען. אַז אין לאָקאַל געפינט זיך די צאַהל מיטגלידער, וועלכע בילדען געזעצליך אַ קוואָרום. גע-פינט דער פאָרזיצענדער, פּרעזידענט אָדער טשערמאַן, אַז אין דערמיט פון די פּערהאַנדלונגען געפינט זיך ניט אין לאָקאַל די נעטהיגע צאַהל מיטגליעדער, וועל-כע בילדען אַ קוואָרום, מוז ער באַלד שליסען דעם מיטינג.

II. אַבטהיילונג.

רעגעלן און אָרדנונג.

5. יעדע בעראטהענדע געזעלשאַפט איז שאָן דורך איהר נאַמען און איהר עקסיסטענץ פּערפּפליכטעט זיך אונטער צו ווערפען אונטער אַ געוויסער אָרדנונג און אונטער געוויסע רעגעלן, ווייל זאָנסט קען זיא דאָך זיך ניט בעראַטהען און ניט קומען צו אַ בעשלוס. עס מעג אָבער זיך אליין מאַכען רעגעלן און אליין אוים-

ארבייטען אַ געוויסע אָרדנונג, וויא זיך צו פיהרען. דיע-זע רעגעלן און דיעזע אָרדנונג קענען אויסגעאַרבייטעט ווערן און פעסט געזעצט ווערן אין אַ געזעצן בוך, וועל-כעס איז פריהער אנגענומען געווארען, אָדער עס קען אין יעדער פערזאַמלונג אנגעהמען רעגעלן אין אן אָרדנונג, וועלכע פאסען איהר אַם בעסטען.

6. ווען עס זיינען אויסגעארבייטעט געוואָרען גע-וויסע געזעצע וועגען דיא רעגעלן און דיא ארדנונג פון דער פערזאמלונג אָדער פון דיא פערזאַמלונגען, ווערט געוועהנליך אין דיעזע געזעצע שאָן בעשטימט, וויא אזוי מען זאָל פאַסען אַ בעשלוס, וויא מען זאָל ענדערן אָדער אויסבעסערן א בעשלוס, וויא אזוי מען זאָל צוריקרופען א בעשלוס אין וויא אזוי א פארשלאג זאל אנגענאמען ווערן אלס בעשלוס. געפינט זיך אבער אין דעם געזעץ בוך קיינע גענויע בעשטימונגען איבער דיעזען פונקט, דאַן מוז דיא פערזאמלונג זיך פיהרען נאך דיא אלגעמיינע רעגעלן אין אָרדנונג. וויל זיא אבער דאַן ענדערן אַן אַלגעמיינע רעגעל אָדער און גאַנצען אפשאפען א געוויסע רעגעל, קען עס געשעהן נור דאַן, וויא דיא גאַנצע פערזאמלונג איז איין שטימיג צו ענדערן אָדער אפצושאפען דיעזע רעגעל.

7. ווען א רעגעל אָדער אַ געוויסע אָרדנונג איז אנגענומען געווארען און א מיטגליעד געפינט, אַז מען

האנדעלט געגען דיעזע רעגעל און געגען דיעזע ארדנונג, אָדער מען היט זיא ניט אפּ אָדער מען פיהרט זיא ניט דורך, האט ער דאס רעכט צו פאָרדערן פון פרעזידענט אָדער פון דעם פאָרזיצענדען, אַז דיעזע רעגעל זאָל שטרענג דורכגעפיהרט ווערן און אפּגעהיט ווערן. אזא פאָרדערונג מוז אנגענומען ווערן אהן דעבאטען און מוז אויך באַלד אויסגעפיהרט ווערן. דאַן איז עס שאָן צו שפּעט צו ענדערן דיעזע רעגעל, זיא צוריק צו רופען אָדער זיא אָפּצושאַפען, און ווען נור איין איינציגעס מיטגליעד פאָרדערט, אַז דיעזע רעגעל זאָל דורכגעפיהרט ווערן, מוז זיא דורכגעפיהרט ווערן.

III. אַבטהיילונג.

דיא צייט פון דער פערזאַמלונג.

8. יעדע פערזאַמלונג, וועלכע ווייס, אַז זיא קען ניט ענדיגען אַלע איהרע געשעפטען אין איין זיצונג, מוז געוועהנליך פאראויס בעשטימען, ווען מען זאָל זיך וויעדער צוזאַמענקומען צו דער נעכסטען זיצונג, ווען דיעזע ערשטע זיצונג וועט געשלאָסען ווערן. עס איז ניט ראַטהזאַם צו בעשטימען דיא צייט פון דער נעכסטער זיצונגביים שלוס פון דעם מיטינג, אָדער ווען מען מאַכט א פאָרשלאַג אָפּצולעגען דיא זיצונג אויף שפּעטער. עס

איז פיעל בעסער און פאַסענדער פאָראויס צו בע-שליעסען, ווען דיא נעכסטע זיצונג וועט שטאַטפינדען.

IV. אַבטהיילונג.

דיא פרינציפען פון א בעשלוס.

9. דאַס הויפט פרינציפ, דער פונדאַמענט, פון יעדען בעשלוס, וועלכער ווערט געפּאַסט אין אַ פער-זאַמלונג פון בעאַמטע, קארפּארזיציאָנען אָדער בעראַ-טהענדע געזעלשאַפטען, איז דיא אַ בעשטימונג אָדער דער וואוט: דיא מעהרצאַהל פון דיא פערזאַמעלטע מיטגליעדער דריקען אוים זייער פערלאַנגען דורך דיא אבגאבע פון זייערע שטימען. דיעזע רעגעל ווערט אפּ-געהיט און דורכגעפיהרט ניט נור ביי פראַגען, אויף וועלכע מען דאַרף אַנטוואָרטען מיט יאַ און ניין, זאָנ-דערן אויך ביי וועהלען פון בעאַמטע, עלעקשיאנס, ווען עס קען אויסקומען, אַז מען דאַרף שטימען פאַר מעהר אַלס צוויי פערזאָנען, ווען עס „לויפען" מעהר אלס צווייא קאַנדידאַטען פאר איין אַמט.

10. פון דיעזער אלגעמיינער רעגעל קענען אבער זיין אויך אויסנאהמען. מען קען אננעהמען א ספּעציאל רעגעל, אן אויסנאהמע רעגעל פאר בעזאָנדערע פראגען אין בעזאָנדערע אַנגעלעגענהייטען. דיעזע ספּעציאַל רעגעל אָדער אויסנאַהמע רעגעל קען פעסט זעצען, אז וועניגער שטימען אלס דיא מעהרצאַהל זאָל זיין גענוג אום אנצו-

נעהמען אַ בעשלוס, אָדער אַז מען זאָל פערלאַנגען מעהר שטימען, וויא דיא מעהרצאהל אום דער בעשלוס זאָל ווערן אַ געזעץ. זאָ צום ביישפּיעל, איז עס איינגעפיהרט און אנגענומען אין דיא אסעמבלים — געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען — פון דיא שטאאטען, אז ווען א דריטעל אָדער זאָגאַר אַ פיערטעל פון אלע פערזאַמעלטע פּאָרדערט, אז מען זאָל אפשטימען אַ פראַגע מיט יאַ און ניין, דאַס הייסט, אז מען זאָל פרעגען יעדעס מיטגליעד בעזונדער, אויב ער שטימט יא אָדער ניין, מוז מען אָפּשטימען דיעזע פראַגע מיט יאַ און ניין. עס איז ווידער אנגענומען אלס א רעגעל, אז ווען מען וויל עפּעס ענדערן אָדער עפּעס אָפּשאַפען פון דיא רעגעלן און ארדנונג, וועלכע זיינען איינגעפיהרט און אַנגענומען, מוזען וועניגסטענס צוויא דריטעל אָדער זאָגאַר מעהר מיטגליעדער פון דער גאַנצער פערזאַמלונג שטימען דאַפיר.

II. קאפּיטעל.

בעאמטע און זייערע פּפליכטען.

11. דיא הויפּט בעאַמטע פון יעדער פרייער און בעראַטהענדער פערזאַמלונג זיינען דער פּרעזידענט און דער סעקרעטער, אָדער דער טשערמאַן און דער קלערק, וויא עס איז שאן אויבען ערקלערט געוואָרען. דיעזע

בעאמטע ווערן געוועהנליך געוועהלט. אבוואהל זיי קענען אויך ערנאַנט ווערן פון דער פערזאמלונג.

דיעזע בעאַמטע דאַרפען געוועהלט ווערן דורך אַן אבסאלוטע מאיאריטעט און ניט דורך אַ פלוראַליטעט. לאָמיר עס ערקלערן מיט א ביישפיעל. אין אַ פערזאַמלונג געפינען זיך 100 מיטגליעדער. עס זיינען נאמינירט געוואָרען דריי קאנדידאַטען אַלס פרעזידענט. ווען עס איז געקומען צור וואהל, האט איין קאנדידאַט ערהאלטען 25 שטימען, דער אַנדערער האט ערהאלטען 35 שטימען, דער דריטער האַט ערהאַלטען 40 שטימען. דער דריטער וואָלט אַלזאָ געדאַרפט געוועהלט ווערן, ווייל ער האט מעהר שטימען פון דיא איבעריגע צווייא קאנדידאַטען, אבער ער האַט נור אַ פלוראַליטעט, מעהר שטימען פון יעדען איינציגען פון זיינע געגען קאנדידאַטען, ער האַט ניט דיא מאַיאָריטעט, דיא מעהרצאהל שטימען פון דער גאַנצער פערזאַמלונג. ווען ער אליין זאָל האַבען 55 שטימען, וואָלט ער שוין געהאט דיא מאַיאָריטעט.

דער געזונדער מענשען פערשטאַנד, דער שכל הישר, זאַגט אונז, אז אזאַ פרעזידענט וועט ניט קענען גוט פיהרען דיא פערזאמלונג, ווייל ער האט דאָך בעקומען נור 40 שטימען פון הונדערט, אלזאָ זיינען דאָך 60 מיטגליעדער געגען איהם, מיט אנדערע ווערטער, איז ער דאָך ניט בעליעבט אָדער ניט אנגענעהם ביי דער מאַיאָריטעט פון

דיא מיטגליעדער און דארום וועט איהם שווער זיין צו פיהרען דיא פערזאמלונג. ווען אבער אזא בעאמטער, פרעזידענט אָדער סעקרעטער, האט דיא אבסאלוטע מאַיאריטעט, דאס הייסט, 60 שטימען פון 100 אין אונזער ביישפיעל, דאן זעהט מען, אז ער האט דאס צוטרויען פון דער מעהרצאהל פון דיא מיטגליעדער און ער וועט ריכטיג פיהרען דיא פערזאמלונג.

עס איז וואהר, אז אין פיעלע פעללע ווערן בעאַמטע געוועהלט מיט א פלוראליטעט, אבער דאס קומט פאר נור ביי שטאדט אָדער שטאאט וואהלען, אין א בעראטהענדער פערזאמלונג זאָל דער פרעזידענט און סעקרעטער געוועהלט ווערן נור דורך אן אבסאלוטע מאיאָריטעט.

I. אַבטהיילונג.

פפליכטען פון פרעזידענט אָדער פאָרזיצענדען.

12. דיא הויפט פפליכטען פון פרעזידענט זיינען:

צו עפענען דיא זיצונג, צו רופען דיא מיטגליעדער צור אָרדנונג און זיך צו זעצען אין טשער, צו נעהמען דעם פאָרזיץ.

צו ערקלערן דער פערזאמלונג, וועלכע געשעפטען מען האט צו פערהאנדלען און דיא אָרדנונג, אין וועלכע דיעזע געשעפטען זאָלען פערהאנדעלט ווערן.

אויפצונעהמען אַלע פֿאָרשלעגע און עמפּפעלונגען, וועלכע ווערן געמאַכט פון איינצעלנע מיטגליעדער, און זיי פֿאָרלעגען פאר דער פערזאַמלונג.

פֿאָרצולעגען צור אַבשטימונג אלע פראַגען און אלע פֿאָרשלעגע, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרען אָדער גע־מאַכט געוואָרען אין ריכטיגער אָרדנונג און אין אַ פּא־סענדער פֿאָרם און אנצוצייגען דער פערזאמלונג דעם רע־זולטאט פון דער אבשטימונג, אויב דער פֿאָרשלאַג איז אנגענומען געווארען אָדער ניט.

איינצוהאלטען דיא מיטגליעדער, ווען זיי געפינען זיך אין אַ דעבאטע אין דיא גרענעצען פון דיא רעגעלן און ארדנונג פון דער פערזאַמלונג.

צו בעאָבאַכטען אַז אלע רעגעלן און פּאָ־שריפטען זאָלען פינקטליך און ריכטיג אויסגעפיהרט ווערן.

ער דאַרף צו נעהמען אַלע צושריפטען און מיטהיי־לונגען, וועלכע קומען אן אין דער פערזאַמלונג און דארף זיי פֿאָרלעזען און ערקלערן פאר דער פערזאַמלונג.

ער דארף בעשטעטיגען דורך זיין אונטערשריפט אלע אקטען, דאָקומענטען, אָרדערס, טשעקס, און ווען נעט־היג, אויך דיא פערהאנדלונגען, דאס הייסט, דאס פּרא־טאקאלל פון דער זיטצונג.

ער דארף ענטשיידען און ערקלערן, ווען עס קומט

פאר אן אָרדנונגס פראגע אָדער אַ פראַגע איבער דיא רעגעלן פון דער פערזאַמלונג.

ער דארף ערנענען (א פאָינטען) דיא קאָמיטעען, ווען עס איז אזוי איינגעפיהרט ביי דיא פערזאַמלונג אָדער ווען דיא רעגעלן פון דער פערזאמלונג פאָר-דערן עס.

אין אַלגעמיינען דארף דער פרעזידענט פארשטעלען דיא פערזאמלונג, ערקלערן דעם ווילען און דאס פער-לאנגען פון דער פערזאמלונג און אויספיהרען און אויס-פאָלגען אלע בעשליעסע און בעשטימונגען פון דער פער-זאַמלונג.

13. ווען דיא פערזאַמלונג האַט געוועהלט אַ פרע-זידענט און א וויס פרעזידענט, אָדער עטליכע וויס פרעזידענטען, איז עס דיא פפליכט פון וויס פרעזידענט, אָדער פון ערשטען וויס פרעזידענט, ווען עס זיינען דא עטליכע, צו פערנעהמען דעם פלאַץ פון פרעזידענט, ווען דער פרעזידענט איז אבוועזענד, אָדער ווען ער פער-לאָזט דעם טשער אום אנטהייל צו נעהמען אין א דעבאטע.

14. אין פערזאַמלונגען, וועלכע האבען נור א פרע-זידענט אָדער א טשערמאן, און דער פרעזידענט איז אבוועזענד, מוז מען וועהלען אָדער ערנענען א פרעזי-דענט אָדער טשערמאן פראָ-טעמפאָרע, פאר דיא צייט,

וואס דער פּרעזידענט איז אבוועזענד. ביז אַזאַ פּרעזי־דענט אָדער טשערמאן פּראָ־טעמפּאָרע ווערט געוועהלט אָדער ערנאַנט, פיהרט דיא פערזאמלונג דער סעקרעטער.

15. דער פּרעזידענט אָדער טשערמאן מעג פער־לעזען צושריפט און מיטטהיילונגען זיצענדיג, ער דארף זיך אבער אויפשטעלען, ווען ער לעגט פאָר א פאָרשלאג אָדער שטעלט פאָר אַ געוויסע פראגע צור אַבשטימונג.

II. אַבטהיילונג.

פראקטאקאלירענדער סעקרעטער.

16. דיא הויפט פפליכטען פון דיעזען בעאַמטען בעשטעהן דארין: צו מאַכען נאָטיצען פון אלע פערהאנד־לונגען און ריכטיג איינצוטראגען אין זיין פראטאקאלל בוך, אלעס וואס עס איז בעשלאסען געווארען און געפּאַסט געוואָרען אין דער פערזאַמלונג; ער דאַרף אָבער ניט פערשרייבען אָדער נאָטירען בעזונדערע רעדען פון דיא מיטגליעדער, ער דאַרף אויך ניט איינטראַגען אין זיין בוך פאָרשלעגע און עמפפעהלונגען, וועלכע זיינען ניט פאָרגע־לעגט געוואָרען צור אַבשטימונג: ער דארף פערשרייבען, וואס עס איז געטאָהן געוואָרען און וואס עס איז בע־שלאָסען געווארען, אבער ניט וואס עס איז געזאַגט געוואָרען און פארגעשלאַגען געווארען. דאַס איז דיא רעגעל אין אַלע געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען, אין

אַנדערע קערפּערשאַפטען פערלאַנגט מען פון סעקרע-
טער, ער זאָל אָפּגעבען א בעריכט איבער אלע פער-
האנדלונגען פון דער פערזאַמלונג, ער זאל פיהרען אַ
סארט טאגעבוך איבער אלעס, וואס איז פערהאנדעלט
געוואָרען אין דער צייט פון דער פערזאמלונג.

17. עס איז אויך די פּפליכט פון פּראטאקאללי-
רענדען סעקרעטער צו לעזען אלע פּאפּיערען און דאָקו-
מענטען, וועלכע מען הייסט איהם לעזען. צו פערלעזען
די ליסטע פון די מיטגליעדער און צו נאָטירען זייער
אַנטוואָרט, ווען א פארשלאג ווערט אָפּגעשטימט מיט יאַ
און ניין; אנצוצייגען די מיטגליעדער פון א קאָמיטע,
אז זיי זיינען ערנאַנט אין קאָמיטע און וואס זיי האבען
צו פערהאנדלען אין קאָמיטע און ענדליך צו בעשטע-
טיגען דורך זיין אונטערשריפט — אַמאָל צוזאמען מיט'ן
פּרעזידענט און אמאָל אויך גאנץ אליין, אהן די אונ-
טערשריפט פון פּרעזידענט. — אלע בעשליעסע, בעפעהלע,
אָרדערס און פערהאַנדלונגען פון דער פערזאמלונג.

18. דער שריפט פיהרענדע בעאַמטע דאַרף אויך
בעהאלטען און אָפּהיטען אלערליי פּאַפּיערען און אַלער-
ליי דאָקומענטען, וועלכע געהערן צו דער פערזאַמלונג,
וויא אויך זיין פּראָטאָקאָלל בוך און זיינע נאָטיצען איבער
די פּערהאנדלונגען. ער דאַרף קיין מעמבער ניט ער-
לויבען צו נעהמען אַ פּאפּיער, אַ דאָקומענט אָדער אַ

נאטיץ פון זיין שרייב טיש, אויסער ווען דיא פערזאַמ-
לונג פערלאַנגט עס.

19. ווען אַ פערזאַמלונג האַט נור איין סעקרעטער און דיזער סעקרעטער איז אַבוועזענד, מוז מען ערוועה-לען אָדער ערנענען אַ סעקרעטער פראָ-טעמפּאָרע, פאר דיא צייט וואָס ער איז אַבוועזענד; ווען אַ פערזאַמלונג האַט אָבער צוויא אָדער עטליכע סעקרעטערע און דער פּראָטאָקאָללירענדער סעקרעטער איז אַבוועזענד, קען אַנאַנ-דער סעקרעטער פערנעהמען זיין שטעללע.

20. דער סעקרעטער דאַרף אויפשטעהן, ווען ער פערלעזט דאָקומענטען אָדער ווען ער רופט אוים דיא נעמען פון דיא מיטגליעדער.

III. קאַפּיטעל.

איבער דיא רעכטע און דיא פפליכטען פון דיא מיטגליעדער.

21. דיא רעכטע און דיא פפליכטען, וועלכע מיט-גליעדער פון א פרייער, בעראַטהענדער פערזאַמלונג הא-בען איינער געגען אנדערן, זיינען געגרינדעט אויף דעם פּרינציפּ פון פאָלשטענדיגע גלייכהייט. אלע זיינען גלייך, קיינער האט מעהר רעכטע אָדער וועניגער פפליכטען פון דעם אנדערן. יעדעם מיטגליעד, וויא איין פאך און וויא בעשיידען ער איז, האט דיזעלבע רעכטע, וואס יעדער אנדערע מיטגליעד האט: פאָרצולעגען זיינע פאָרשלעגע

און זיינע עמפפעהלונגען פאר דער פערזאמלונג, צו ער-
קלערן און צו עמפפעהלען דיעזע פאָרשלעגע דורך רע-
דען און דעבאַטען און זיי צו לאָזען ענטשיידען פון דער
פערזאמלונג דורך אבשטימונג. דאגעגען איז עס דיא
פפליכט פון יעדעם מיטגליעד זיך רוהיג צו פערהאלטען
און זיך אַנשטענדיג אויפצופיהרען אין דער פערזאַמלונג
און דיא הויפט זאכע, ניט צו שטערן דעם אנדערן צו
געניעסען זיינע רעכטע. — דיא רעכטע און פפליכטען
פון דיא מיטגליעדער אין דער פערזאמלונג דאַרפען ער-
קלערט ווערן נור, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען געוויסע
ווערטער, ווּלכע ווערן ארוים גערעדט, אָדער האַפּען זיך
אַרוים אין אַ דעבאַטע — עס מאַכט ניט אוים, איב דיע-
זע ווערטער ציעלען אויף אַ געוויעסעס מיטגליעד אָדער
ניט — און איבער דיא אַלגעמיינע העפליכע אויפפיהרונג
אין דער פערזאַמלונג. איבער געוויסע ווערטער, וועלכע
כאַפּען זיך אַרוים פון אַ מעמבער אין אַ דעבאטע, ווע-
לען מיר פערהאנדלען אין קאפיטעל „איבער דעבאטען.“
איבער דאַס אַלגעמיינע בענעהמען פון מיטגליעדער ווע-
לען מיר דא פערהאַנדלען.

22. מיטגליעדער פון אַ פרייער, בעראַטהענדער
פערזאמלונג דאַרפען זיך בענעהמען גאַנץ אַנשטענדיג
איינער געגען אַנדערן און יעדער געגען דיא גאַנצע פער-
זאַמלונג, ניט נור ווייל זיי מוזען זיך בעטראַכטען אַלס

עהרנמענער, אלס דשענטלמען, וועלכע זיינען זיך צו-
נויפגעקומען אום צו פערהאַנדלען איבער אַנגעלעגענהיי-
טען, וועלכע זיינען וויכטיג פאר זיי און האבען פאַר
זיי אַ בעזאנדערעס אינטערעססע, זאָנדערן ווייל אַ העפ-
ליכעס, אנשטענדיגעס בענעהמען איז העכסט נאָטהווענ-
דיג אום ריכטיג און צופריעדענשטעללענד דורכצופיהרען
דיא פערזאמלונג. דיא רעגעלען, וועלכע זיינען אייגענטליך
פעסט געזעצט נור פאר דיא צייט פון אַ דעבאטע, דאר-
פען בעאָבאַכטעט ווערן צו יעדער צייט, עס מאַכט ניט
אויס, אויב עס איז אפען א דעבאטע אין דער פערזאַמ-
לונג אָדער ניט, און דארום איז עס אנגענומען אלס
אן אַלגעמיינע רעגעל, אַז קיין מעמבער דאַרף ניט שטערן
דעם אַנדערן אָדער דיא פערזאַמלונג דורך פייפען,
ששי... קען, הוסטען, שפייען; קיינער דארף ניט רעדען
צו אַנאַנדערן אין דער הויך אָדער שטילערהייט; קיינער
דאַרף זיך ניט אויפשטעלען אום צו אונטערברעכען
אָדער צו שטערן אַנדערע; קיינער דאַרף ניט דורכ-
געהן צווישען דעם פרעזידענט און דעם מעמבער, וועל-
כער האלט אין רעדען. קיינער דאַרף ניט אריבער געהן
פון איין זייט לאָקאַל צום אַנדערן אָדער אַרומשפּאַציערן
אין לאָקאל. קיינער דארף ניט נעהמען פון שרייב טיש
פון סעקרעטער אָדער פון פרעזידענט פאפיערען, דאָקו-
מענטען און שרייב זאכען.

23. אלע דיזע האנדלונגעןווערן בעטראַכט אלס אונהעפליך, ניט אנשטענדיג זיך בענעהמען און זיינען נאך פיעל שלימער, ווען זיי קומען פאר אין דער צייט פון אַ דעבאטע. מען דארף אבער אויסמיידען א זעלבע האנדלונגען צו יעדער צייט און אונטער אלע אומשטענדע. — בעליידיגונגען געגען אַ מעמבער, אַנציגליכקייטען, שטעכווערטער, דראהונגען, ארויסרופונגען, און דער גלייכען, ווערן בעטראַכט אלס העכסט אונאנשטענדיג און אלס זעהר שלעכטעס בענעהמען.

24. עס איז זעהר אונאנשטענדיג ווען אַ מעמבער קומט אריין אין דער פערזאַמלונג און נעהמט ניט אַראָפּ דעם הוט אָדער ווען ער טראגט דעם הוט, ווען ער דארף צו געהן צו זיין פּלאַץ. אין פיעלע געזעלשאַפטען, בעזאָנדערס ווען דיא צאהל דער מיטגליעדער איז ניט גרויס, איז עס אנגענומען פאר אונהעפליך צו זיצען מיט'ן הוט אויפ'ן קאָפּ.

25. אין אלע פעללע, ווען א מעמבער פיהרט זיך אויף אונהעפליך אָדער ניט אנשטענדיג האט יעדעס מיטגליעד דאס רעכט און עס איז דיא בעזאָנדערע פפליכט פון פּרעזידענט אויפמערקזאַם צו מאַכען דארויף דיא פערזאַמלונג, אויפרופען דעם מעמבער צו אָרדנונג אָדער צו ערהעבען אַ קלאַגע געגען איהם. ווען דער פּרעזידענט ערהעבט אַ קלאַגע געגען איינעם פאר אונאַנ-

שטענדיגעס בענעהמען, דאַרף ער אַנרופען ביים נאמען
דעם מעמבער, וועלכער האט זיך ניט אַנשטענדיג אויפ-
געפיהרט, דאס הייסט, ער דערקלערט דער פערזאַמלונג,
אַז דיעזער און דיעזער מעמבער — ער דאַרף איהם
אנרופען ביים נאַמען — איז בעשולדיגט אין א ניט פאַ-
סענדעס אָדער אונאַנשטעדיגעס בענעהמען, דער מעמ-
בער, וועלכער ווערט בעשולדיגט אין אונאנשטענדיגעס
בענעהמען, האט דאס רעכט צו בעטען דאס וואָרט און
זיך צו ענטשולדיגען אָדער זיך צו פערטהיידיגען, דאן
אבער דאַרף ע־ פערלאָזען דאַס לאָקאַל. ווען ער איז
אַרויסגעגאנגען פון לאָקאַל, דאַרף דער פּרעזידענט ער-
קלערן, וואס פאַר אַ אַרט אונאנשטענדיגקייט דער בע-
שולדיגטער האט בעגאנגען, און דיא פערזאמלונג בע-
טראַכט דעם פאלל און בעשליעסט וואס פאר א שטראַ-
פע מען זאָל ארויפלעגען אויף דעם בעשולדיגטען. דיא
פערזאמלונג מעג ערלויבען דעם בעשולדיגטען צו בלייבען
אין לאָקאל אין דער צייט פון דער פערהאנדלונג איבער
איהם, זיא מעג אבער אויך פאָרדערן, ער זאָל פערלאָ-
זען דאס לאָקאל, ווען ער וויל עס ניט טאָהן מיט זיין
גוטען וויללען. דאס זעלבע קען טאהן יעדער מעמבער:
ער קען ערהעבען א קלאגע געגען אנאדער מעמבער
פיר אונאנשטענדיגעס בענעהמען. דיא פערהאנדלונג
בלייבט דיעזעלבע, וויא ווען דער פּרעזידענט ערהעבט

דיא קלאַגע מיט דעם אונטערשיעד, וואס אין אַזאַ פאַלל ערקלערט דער פרעזידענט, אַז דיעזער און דיעזער מעמבער האט אריינגעבראַכט אַ קלאגע געגען דיעזען און דיעזען מעמבער פאר אונאַנשטענדיגעס בענעהמען.

26. קיין מעמבער דאַרף זיין אַנוועזענד אין לאָקאַל, ווען עס קומט פאר אַ פערהאנדלונג אָדער אַ דעבאטע וועגען איהם. ווען דיא פערזאַמלונג ערלויבט איהם אבער צו בלייבען אין לאָקאַל, דארף ער אויף קיין פאלל ניט שטימען אין דיעזער אַנגעלעגענהייט. עס מאכט ניט אוים, אויב עס ווערט פערהאנדעלט וועגען זיין פּערזענליכעס אינטערעסע, צום ביישפּיעל, אויב מען זאָל איהם עפּעס געבען, שענקען אָדער ערלאַסען, אָדער ווען עס ווערט פערהאנדעלט איבער אַ קלאגע געגען איהם, וויא צום ביישפּיעל, פאר אונאַנשטענדיגעס בענעהמען, זאָ באַלד מען דערמאנט זיין נאמען און מען לעגט פאָר זיין פאלל פאר דער פערזאַמלונג, דאַרף ער בעטען דאַס וואָרט אום זיך צו ערקלערן אָדער צו ענטשולדיגען און ווען ער ענדיגט זיין רעדע, דאַרף ער באלד פערלאָזען דאס לאָקאַל. אין פאלל אָבער ווען אַ מעמבער בלייבט אין לאָקאַל און שטימט אין אַ פערהאנדלונג וועגען איהם אליין, מוז זיין שטימע בעטראַכט ווערן אַלס ניט גילטיג און ניט ערלויבט. און ווירקליך, עס איז דאָך ניט נור געגען אַלע געזעצע פון

העפליכקייט, אַז איינער זאָל שטימען פאַר זיך אליין. זאָנדערן עס איז געגען דיא פרינציפּען פון יעדער געזעל-שאַפט, אַז א מענש זאָל זיין דער ריכטער פון זיך אליין און זאָל שטימען פאר זיך אליין.

27. דיא שטראַפען צו וועלכע מען קען פער-אורטהיילען אַ מיטגליעד פאַר אונאַנשטענדיגעם בענעה-מען זיינען: 1) מאַכען איהם א פאָרוואורף, עפענטליך ערקלערן, אַז ער האט זיך ניט אַנשטענדיג אויפגעפיהרט און פערדיענט אַ פאָרוואורף. 2) אויסשליעסען פון דער זיצונג, דאַס הייסט ביי איהם ענטציעהען דאס רעכט צו רעדען און צו שטימען אויף אַ געוויסע צייט. 3) אויס-שטויסען פון דער געזעלשאפט. מען קען אויך איהם פערארורטהיילען, ער זאָל זיך עפענטליך ענטשולדיגען, ער זאָל בעטען אום פערצייהונג און איהם ערקלערן, אַז ווען ער וועט ניט אויספאָלגען דיעזען אורטהייל, וועט מען איהם אויסשטויסען פון דער געזעלשאַפט.

4טעס קאפיטעל.

איבער דיא איינפיהרונג פון געשעפטליכע פערהאנדלונגען.

28. דיא פערהאנדלונגען פון אַ פרייער, בעראט-הענדער געזעלשאפט הייבען זיך אן געוועהנליך דער-מיט, וואס איינער פון דיא פערזאמעלטע לעזט פאָר אַ מיטטהיילונג פון מענשען, וועלכע זיינען קיינע מיט-

גליעדער פון דיעזער פערזאמלונג, אָדער איינער מאכט עפּעם אַ פּאָרשלאַג צום וואָהל און בעסטען דער פערזאמלונג.

29. מיטטהיילונגען, קאָמוניקאציאָנען, קענען זיין פון צווייא פערשיעדענע אַרטען. עס קען געמאַכט ווערן אַ מיטטהיילונג איבער אַ געוויסע זאך, וואָס איז גע־שעהען, איבער א פאקט, וועלכע דיא פערזאַמלונג דאַרף וויסען, אבער זיא קען דאַרין גאָר ניט ענדערן. זאָ, צום ביישפּיעל, זיינען אין דיא לאָדשען דיא מיטטהיילונגען איבער שטערבע פעללע. דיא פערזאַמעלטע דאַרפען עס וויסען, אַבער זיי קענען אין דיעזער בעציעהונג קיין זאַך ניט ענדערן. עס קען אבער געמאכט ווערן א מיט־טהיילונג איבער א זאך, וועלכע קען ברענגען נוצען אלע פערזאמעלטע, אָדער נור איינעם פון דיא פערזאַ־מעלטע. דיעזע סאָרטע מיטטהיילונגען בילדען דעם גרונד דעם פונדאמענט פון פערהאנדלונגען אין דער פער־זאמלונג.

30. א וואונש, א פערלאנגען, אן עמפּפעהלונג, א מיינונג, אן אידעע, אן איינפאַל פון איינעם אָדער פון מעהרערע פון דיא מיטגליעדער קען אויסגעדריקט ווערן אין דער פאָרם, אין דער געשטאַלט פון א פאָר־שלאג. זאָ לאַנג דיעזע עמפּפעהלונג, דיעזע מיינונג, דיע־זער איינפאַל אָדער דיעזע אידעע איז נאָך ניט אַנגע־

נומען געוואָרען, הייסט זיא אַ פאָרשלאַג, ווערט זיא אָבער פאַר־
געלעזט און אָנגענומען פון דער פערזאַמלונג, קען זיא הייסען
אַ בעשלוס, אַ רעזאָלוציאָן, אַ געזעץ אָדער אַן אָרדער.

31. ווען אַ מיטגליעד פון דער פערזאַמלונג וויל מאַכען
אַ מיטטהיילונג, אַ ביטע, אַ פאָרשלאַג אָדער אונטערשטיצען
אַ פאָרשלאַג, וועלכען אַן אַנדער מיטגליעד האָט געמאַכט, —
מוז ער אין ערשטער רייהע „בעטען אים דאָס וואָרט“ (obtain
the floor) — ווי עס הייסט אויף ענגליש. — אום צו האָבען דאָס
וואָרט, דאַרף ער זיך אויפהייבען פון זיין זיץ און זיך ווענדען
צום פרעזידענט אָדער פאָרזיצענדען, איהם רופען ביי זיין טי־
טול: פרעזידענט, פאָרזיצענדער, אָדער טשערמאַן, און פער־
לאַנגען פון איהם דאָס וואָרט. דער פרעזידענט, פאָרזיצענדער
אָדער טשערמאַן דאַרף דאַן זאָגען: „ברודער זאָ און זאָ — ער
דאַרף איהם רופען ביים נאָמען — אָדער הערר זאָ און זאָ, איהר
האָט דאָס וואָרט“. דאַן מעג דער מיטגליעד ערקלעהרען, וואָס
ער וויל זאָגען.

32. ווען צוויי אָדער מעהר אַלס צוויי מיטגליעדער היי־
בען זיך אויף מיט אַמאָל און בעטען דעם פאָרזיצענדען אום דאָס
וואָרט, — דאַרף ער געבען דאָס וואָרט צו דעם מיטגליעד, וועל־
מעם שטימע ער האָט צוערשט געהערט. ווען די מיטגליעדער
זיינען ניט צופריעדען דערמיט, מעג אַ מיטגליעד אויפשטעהן

און ערקלעהרען, אַז ניט דער, וועמען דער פּרעזידענט האָט גע־געבען דאָס וואָרט, האָט צוערשט געבעטען איהם דאָס וואָרט, זאָנדערן אַן אַנדערער. אין אַזאַ פאַל, האָט די פערזאַמלונג צו ענטשיידען, אויב דער מעמבער, וועמען דער פּרעזידענט האָט געגעבען דאָס וואָרט איז ווירקליך געווען דער ערשטער צו בע־טען דאָס וואָרט. — געפינט די פערזאַמלונג, אַז ניט ער איז גע־ווען דער ערשטער צו בעטען דאָס וואָרט, דאַרף זי ענטשיידען, אויב דער צווייטער, אויף וועמען דער מעמבער האָט אָנגעווי־זען, זאָל צוערשט האָבען דאָס וואָרט.

33. מיטטהיילונגען פון פּערזאָנען, וועלכע זיינען קיינע מעמבערס פון דער פערזאַמלונג, קענען פאָרגעבראַכט ווערען אין דער פאָרם פון אַ ביטע, וועלכע איז איינגערייכט געוואָרען פון איין פּערזאָן אָדער פון פיעלע פּערזאָנען, וועלכע געהערען צו אַ געוויסער קלאַסע, צו אַ געוויסער סאָרטע מענשען.

34. אַ ביטע קען נור דאַן אָנגענומען ווערען פון דער פער־זאַמלונג, ווען זי איז אונטערשריעבען מיט דער האַנדשריפט פון דעם ביטשטעלער, פון זיין צייכען, ווען ער קען ניט שריי־בען, אויסער ווען ער איז קראַנק אָדער אונפעהיג צו שרייבען, אָדער ווען דערביטשטעלער געפינט זיך אין לאָקאַל, ווען זיין ביטע ווערט פאָרגעלעגט. אַלענפאַלס, דאַרף דער ביטשטעלער

אַליין ניט דערלאַנגען זיין ביטע, זאָנדערן איבערגעבען זיין ביט־שריפט צו אַ מעמבער, וועלכער זאָל זי אַריינברענגען אין דער פערזאַמלונג.

35. דער מעמבער, וועלכער ברענגט אַריין אַ ביטשריפט פון אַ פרעמדער פערזאָן, דאַרף זיך איבערצייגען, איידער ער ברענגט אַריין דיעזע ביטשריפט, אַז אין דיעזער ביטשריפט געפינט זיך קיין זאַך, וועלכע קען זיין אונאַנגענעהם אָדער בע־לײדיגענד פאַר דער פערזאַמלונג. ער דאַרף אויך וויסען, וואָס עס שטעהט געשריעבען אין דיעזער ביטשריפט און וואָס עס ווערט פערלאַנגט פון דעם ביטשטעלער ; ער דאַרף אויך גוט בעקאַנט זיין מיט דער גאַנצער אַנגעלעגענהייט פון דער ביט־שריפט, אום ער זאָל קענען בעאַנטוואָרטען אַלע פראַגען, וועלכע וועלען געשטעלט ווערען וועגען דער ביטשריפט. און אַזוי ווי ער ברענגט אַריין דיעזע ביטשריפט, איז עס דאָך אַ בעוויִיז, אַז ער איז איינפערשטאַנדען מיט דער ביטשריפט, דאַרף ער אויך זיין פאָרבערייטעט צו פערטהיידיגען דיעזע ביטשריפט און צו בעווייזען, אַז זי איז ריכטיג בעגרינדעט.

36. ווען דער מיטגליעד איז גוט פאָרבערייטעט, דאַרף ער אויפשטעהן פון זיין זיץ מיט דער ביטשריפט אין דער האַנד און מעלדען דער פערזאַמלונג, דערביי זאָל ער מאַכען דעם אַנ־

טראַג, אַז די פערזאַמלונג זאָל אָננעהמען די ביטע. ווען דיעזער פאָרשלאַג איז אונטערשטיצט, ווערט ער פאָרגעלעזען פאַר דער פערזאַמלונג און ווערט אָבגעשטימט, אויב מען זאָל אָננעהמען די ביטשריפט אָדער ניט. — דאָס איז די רעגולערע פאָרם פון פאָרשטעלען אַ ביטשריפט, אין דער פראַקטיק אָבער קומט עס פאָר זעהר זעלטען, אַז מען זאָל שטעלען אַ פראַגע, אויב מען זאָל אָננעהמען אַ ביטשריפט אָדער ניט.— אין דער פראַקטיק נעהמט אָן דער פאָרזיצענדער יעדע ביטשריפט און בעטראַכט עס אַלס זעלבסטפערשטענדליך, אַז די פערזאַמלונג וועט גאָר־נישט האָבען דאַגעגען. מאַכט אָבער אַ מיטגליעד אָן איינוואַנד (objection) געגען די אויפנאַהמע פון אַ ביטשריפט, מוז דער פאָרזיצענדער ערקלעהרען דיעזע ביטשריפט אַלס ניט אָנגענו־מען און פאָרלעגען פאַר דער פערזאַמלונג די פראַגע, אויב מען זאָל אָננעהמען דיעזע ביטשריפט אָדער ניט.

37. איז בעשטימט געוואָרען, אַז מען זאָל אָננעהמען אַ ביטשריפט, דאַרף דער מעמבער, וועלכער האָט זי אַריינגע־בראַכט, זי צו־טראָגען צום סעקרעטער, און ער — דער סעקרע־טער — זאָל זי פאָרלעזען פאַר דער פערזאַמלונג. דאַן ליעגט די ביטע פאַר דער פערזאַמלונג צום פערהאַנדלען. געפינט די פער־זאַמלונג די ביטשריפט פאַר זעהר וויכטיג, ווערט זי באַלד פער־

האַנדעלט, אָדער מען לעגט־אָפּ די פערהאַנדלונג איבער דיעזער ביטשריפט אויף שפּעטערע צייט, אָדער מען לאָזט זי ליעגען אויפ'ן טיש, אַז יעדער מעמבער זאָל זי לעזען און נאָכדענקען איבער איהר.

38. ווען אַ מיטגליעד מאַכט אַ פאָרשלאַג אָדער אַן אַנטראַג, הייסט עס, אַז ער פערלאַנגט, אַז די פערזאַמלונג זאָל אַננעהמען זיין פאָרשלאַג אַלס אַ רעזאָלוציאָן, אַן אָרדער אָדער אַ בעשלוס דורך אַבשטימונג. ווען דיעזער אַנטראַג איז אַזוי ווייט געפעלען דער פערזאַמלונג, אַז וועניגסטענס איין מיטגליעד איז אויפגעשטאַנען פון זיין זיץ און האָט איהם אונטערשטיצט, — מוז ער פאָרגעלעגט ווערען פאַר דער פערזאַמלונג און פערהאַנדעלט ווערען. די פערזאַמלונג ענטשיידעט דאַן, אויב ער זאָל אָנגענומען ווערען אָדער ניט.

39. דער פּאָרזיצענדער דאַרף נור דאַן אָננעהמען אַן אַנטראַג און איהם פאָרלעגען פאַר דער פערזאַמלונג, ווען דער פאָרשלאַג איז אונטערשטיצט, דאָס הייסט, ווען איינער פון די מיטגליעדער האָט גוט־געהייסען דעם פאָרשלאַג דערמיט, וואָס ער האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט געזאָגט : "איך אונטערשטיץ דעם פאָרשלאַג„. ווערט אָבער אַ פאָרשלאַג ניט אונטערשטיצט, דאַרף איהם דער פּאָרזיצענדער גאָר ניט נאָטירען, און

איהם גאָר ניט בעטראַכטען. עס זיינען אָבער דאָ פיעלע פעללע, ווען אַ פאָרשלאַג מוז אָנגענומען ווערען, זאָגאר ווען ער איז ניט אונטערשטיצט. — די הויפּט־אידעע פון אונטערשטיצען אַ פאָרשלאַג איז, ניט צו פערנעהמען די צייט מיט אַנטרעגע, פאָר־שלעגע און פראַגען, וועלכע געפעהלען קיינעם ניט, אויסער דעם מעמבער, וועלכער האָט זי געשטעלט. און דאַרום מוזען זיין אויסנאַהמען פון דיעזער רעגעל, ווי עס וועט שפּעטער ער־קלעהרט ווערען. עס זיינען דאָ פאָרשלעגע, וועלכע מוזען אָנ־גענומען ווערען זאָגאַר, ווען זיי זיינען ניט אונטערשטיצט, עס זיינען ווייעדער דאָ פאָרשלעגע, וועלכע דאַרפען נור דאַן אָנגע־נומען ווערען, ווען זיי ווערען אונטערשטיצט ניט פון איין מיט־גליעד, זאָנדערן פון עטליכע מיטגליעדער.

40. דער פאָרזיצענדער האָט דאָס רעכט צו פאָדערען, אַז יעדער פאָרשלאַג, אַנטראַג, אַמענדעמענט אָדער ערזאַץ־פאָר־שלאַג זאָל געמאַכט ווערען שריפטליך. פון דיעזער רעגעל זיינען אויסגענומען פאָרשלעגע, איבער וועלכע מען קען ניט דעבאַ־טירען, ווי עס וועט שפּעטער ערקלעהרט ווערען.

41. ווען אַ פאָרשלאַג איז געמאַכט און אונטערשטיצט, מוז דער פאָרזיצענדער איהם פאָרלעגען פאַר דער פערזאַמלונג צור דעבאַטע און צור ענטשיידונג, דאַן קען מען קיין אַנדער

פאָרשלאַג אָננעהמען, אויך האָט קיינער דאָס רעכט צו רעדען וועגען דיעזען פאָרשלאַג, ביז דער פאָרזיצענדער האָט איהם פאָרגעלעגט פאַר דער פערזאַמלונג. ווען אַ פאָרשלאַג איז ריכ־טיג געמאַכט, ריכטיג אונטערשטיצט און פאָרגעלעגט פאַר דער פערזאַמלונג פון פרעזידענט, געהערט ער שוין דער פערזאַמלונג און ער קען שוין ניט צוריקגעצויגען ווערען פון דעם פאָרשלע־גער אָדער צוריקגענומען ווערען פון איהם, אויסער ווען די פער־זאַמלונג ערלויבט עס, דאַן מוז געמאַכט ווערען אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל ערלויבען דעם פאָרשלעגער צוריק צו נעהמען זיין פאָרשלאַג. דיעזער פאָרשלאַג מוז אויך אונטערשטיצט ווערען און פאָרגעלעגט ווערען צור אַבשטימונג.

דאָס איז אָבער גערעדט, ווען דער פאָרשלאַג איז פאָרגע־לעגט געוואָרען פאַר דער פערזאַמלונג צור פערהאַנדלונג, — אָבער איידער ער ווערט פאָרגעלעגט פון פרעזידענט צור פער־האַנדלונג, קען דער פאָרשלעגער אַליין איהם צוריקציהען אָדער איהם ענדערען, אויך דער פאָרזיצענדער אָדער אייניגע מיט־גליעדער קענען פערלאַנגען פון פאָרשלעגער, אַז ער זאָל צוריק־ציהען אָדער ענדערען זיין פאָרשלאַג.

42. ווען אַ פאָרשלאַג איז ריכטיג געמאַכט געוואָרען און אונטערשטיצט, איז עס די פפליכט פון פאָרזיצענדען איהם פאָר־

צולעגען און איהם צו ערקלעהרען פאַר דער פערזאַמלונג. — איז דער פאָרשלאַג געמאַכט געוואָרען שריפטליך, מוז דער פאָר־זיצענדער הייסען דעם סעקרעטער איהם פאָרלעזען. — יעדעס מיטגליעד האָט דאָס רעכט צו פערלאַנגען, אַז מען זאָל איהם נאָך אַ מאָל ערקלעהרען דעם פאָרשלאַג אָדער מען זאָל נאָך אַ מאָל איהם פאָרלעזען דעם פאָרשלאַג.

43. ווען אַ פאָרשלאַג איז פאָרגעלעגט פאַר דער פערזאַמ־לונג, קען קיין אַנדער אַנטראַג אָדער פאָרשלאַג געמאַכט ווערען, אויסער ווען דער כאַראַקטער און דער זינן פון דעם נייעם פאָר־שלאַג פאָדערט, אַז דער צווייטער פאָרשלאַג זאָל פריהער פער־האַנדעלט ווערען פון דעם ערשטען.

5טעם קאַפּיטעל

איבער פאָרשלעגע אין אַלגעמיינעם.

44. ווען אַ פאָרשלאַג ליעגט פאַר צור פערהאַנדלונג פאַר דער פערזאַמלונג, קען די פערזאַמלונג פערלאַנגען צו קומען באַלד צו אַ בעשלוס איבער דיעזען פאָרשלאַג. — אין אַזאַ פאַל ווערט דער פאָרשלאַג פאָרגעלעגט צור אַבשטימונג און די מיט־גליעדער שטימען פאַר דעם פאָרשלאַג אָדער געגען איהם. דאָס קומט אָבער פאַר ניט גאַנץ אָפט. די פּראַקטיק, די ערפאַהרונג, האָט געלערענט, אַז ניט שטענדיג געפינט די פערזאַמלונג פאַר

נעטהיג באלד, זאגלייך, אָהנע ווייטערעס, אָבצושטימען אַ פאָר־שלאַג. אַזוי ווי יעדע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע פערהאַנדעלט איהרע אַנגעלעגענהייטען נאָך פּאַרלאַמענטאַרישע רעגעלען,— מוז האָבען די מעגליכקייט ריכטיג און איבערלעגט צו פער־האַנדלען יעדע פראַגע, וועלכע ווערט געשטעלט פאַר איהר: עס האָבען זיך אַלזאָ אויסגעאַרבייט געוויסע פאָרמען, געוויסע אופנים פון פראַגען, וועלכע זיינען אַלגעמיין אָנגענומען געוואָ־רען. דיעזע פאָרמען הייסען „ערזאַץ אַנטרעגע" (Subsidiary motions), „ערזאַץ פאָרשלעגע", דאָס הייסט, אַזאַ פאָרשלאַג, וועלכער קומט אויף דעם פּלאַץ פון דעם ערשטען פאָרשלאַג, ער ערזעצט דעם פאָרשלאַג. מען רופט זיי „ערזאַץ פאָרשלעגע" אום צו אונטערשיידען דאַפון די הויפּט־פאָרשלעגע, פון די אָרי־גינאַל פאַרשלעגע.

45. די גרונד אידעע, די הויפּט אידעע פון דיעזע „ערזאַץ פאָרשלעגע" איז פאָלגענדע: ערשטענס, די פערזאַמלונג קען געפינען, אַז דער פאָרשלאַג, וועלכער איז געמאַכט געוואָרען פון אַ מעמבער און אונטערשטיצט געוואָרען פון אַ צווייטען, איז נוצלאָז, עס קען ניט ברענגען דעם נוצען, וועלכען דער פאָר־שלעגער ערוואַרטעט פון איהם, אָדער עס איז ניט לייכט אויס־צופיהרען און אויסצופאָלגען אַזאַ פאָרשלאַג. און די פערזאַמ־לונג פערלאַנגט דאַהער אין גאַנצען אונטערצודריקען אַזאַ פאָר־

שלאַג, איהם צו פערניכטען, אָדער איהם אָפּצולעגען אויף אַ גע־
וויסע צייט. אין אַזאַ פאַל געברויכט מען צוויי „ערזאַץ פאָר־
שלעגע“ : די פאָרפראַגע, אָריגינאַל פראַגע (Previous question)
און דאָס אָפּלעגען, דאָס הייסט, איינער מאַכט דעם „ערזאַץ
פאָרשלאַג“, די פאָרפראַגע, אָדער ער מאַכט דעם „ערזאַץ פאָר־
שלאַג“, מען זאָל אָפּלעגען דעם הויפּט אַנטראַג.

צווייטענס, די פערזאַמלונג קען וועלען אָננעהמען אַ גע־
מאַכטען פאָרשלאַג, אָבער ניט יעצט, ניט ווען ער איז געמאַכט
געוואָרען, ווייל זי וויל געווינען מעהר צייט, אום בעסער צו בע־
טראַכטען דיעזע פראַגע, זי בעסער צו פערשטעהן אָדער זי בע־
סער אויסצופאָרשען, אָדער די פערזאַמלונג געפינט, אַז זי האָט
יעצט וויכטיגערע אַנגעלעגענהייטען, מיט וועלכע זיך צו בע־
שעפטיגען. זי וויל דאַרום אָפּלעגען דיעזען פאָרשלאַג אויף
שפּעטער, אויף אַן אַנדער צייט.

דריטענס, עס קען זיין, אַז דער געגענשטאַנד פון דעם פאָר־
שלאַג, דער אינהאַלט פון דעם פאָרשלאַג, איז גוט און ריכטיג,
די פערזאַמלונג איז מיט איהם צופריעדען און וויל איהם אויך
אָננעהמען, ער איז אָבער געמאַכט געוואָרען אין אַזאַ פאָרם,
אין אַזעלכע ווערטער, אין אַזעלכע אויסדריקע, אַז מען קען
איהם ניט אָננעהמען, ווי עס איז געמאַכט געוואָרען. מען דאַרף
זיך בעסער איבערלעגען, בעסער נאָכדענקען, און מאַכען דעמ־

זעלבען פאָרשלאַג אין אַ בעסערער פאָרם, אין אַן אנדער גע־שטאַלט, מיט אַנדערע ווערטער, מיט אַנדערע אויסדריקע, אָדער זאָגאַר אין אַן אַנדער זינן. דאַן איז דאָס בעסטע, מען זאָל אי־בערגעבען דעם פאָרשלאַג צו אַ קאָמיטע, וועלכע זאָל איהם בע־אַרבייטען, און זאָל איהם אַריינברענגען אין דער ריכטיגער פאָרם, מיט די ריכטיגע ווערטער און אין דעם זינן, אין וועלכען די פערזאַמלונג וויל איהם אָננעהמען.

פיערטענס, דער פאָרשלאַג קען זיין ריכטיג געמאַכט און אויסגעדריקט אין דער ריכטיגער פאָרם, אָבער די פערזאַמלונג געפינט, אַז ער דאַרף אומגעענדערט ווערען, אויסגעבעסערט ווערען, עטוואָס דאַרף צו איהם צוגעלעגט ווערען, וואָס אין דער פאַרלאַמענטאַרישער שפּראַך הייסט עס: דער פאָרשלאַג דאַרף אַמענדירט ווערען, מען מוז מאַכען צו איהם אַן אַמענדעמענט.

46. די 4 פעללע קומען פאָר געוועהנליך ביי יעדען פאָר־שלאַג, — עס קענען אָבער פאָרקומען אויך אַנדערע פעללע, וועלכע פאָדערען אַן „ערזאַץ פאָרשלאַג״, אַ נייעם פאָרשלאַג, אום צו בעשטימען, צו ענדערען, אָדער אויסצובעסערען דעם ערשטען פאָרשלאַג. אין דער פראַקסים קומען פאָר פאָרשלעגע און ענדערונגען, וועלכע ווערען ניט ריכטיג גע־ברויכט, ניט ריכטיג אָנגעווענדעט, ווי מיר ווע־לען שפּעטער ערקלעהרען יעדען פאַל אין אַ בע־

זאנדערעס קאפיטעל, ווייל יעדער פון דיעזע פיער פעללע, וועלכע מיר האבען נור וואס ערקלערט, מוז בעזונדער ערקלערט ווערן.

6טעם קאפיטעל.

אונטערצודריקען א פאָרשלאַג.

47. ווען דיא פערזאמלונג געפינט, אז דער פאר-שלאג, וועלכער איז געמאכט און אונטערשטיצט, איז נוצ-לאז אדער עס וועט זעהר שווער זיין איהם אוים צו פיהרען און זיא וויל פון איהם לויז ווערן, זיא וויל איהם אונ-טערדריקען, קען זיא עס טאהן אויף צווייערליי וועגען: מען קען שטעלען דיא פאָרפראַגע Previous question, אָדער מען קען אפלעגען דעם פאָרשלאַג אויף אונבעשטימ-טע צייט (יהי מונח עד שיבוא אליהו).

1טע אַבטהיילונג.

דיא פאָרפראַגע, אויך דיא אָריגינאַל פראַגע.

Previous question.

48 דיא הויפט אידעע פון דער פאָרפראַגע אָדער אָריגינאַל פראַגע איז אונטער צו דריקען אַ פאָרשלאַג, ניט צו דער לאָזען, אַז דער פאָרשלאַג דאַרף געבראַכט ווערן פאַר דער פערזאַמלונג, אין דער פראַקסים, בעזאָנדערס אין אַמעריקאַ, האט דיא פאָרפראַגע אָדער אָריגינאַל

פראגע אבער אן אנדערע בעדייטונג: זיא מיינט צו שליע-סען דיא דעבאַטע איבער דיעזען פאָרשלאַג. און ווייל דיא פאַרפראַגע אָדער דיא אָריגינאַל פראַגע איז איינער פון דיא וויכטיגסטע פונקטען אין דער פאַרלאַמענטאַרי-שען פראַקסים, ווייל זיא קומט זעהר אָפט פאָר און ווערט זעהר אָפט געברויכט, ניט וויא עס דאַרף זיין, איז עס נעטהיג זיא בעסער צו ערקלערן, זיא מעהר צו ערלייטערן און צו גיבען אַ פאָלשטענדיגען איבערבליק. וויא מען האט זיא אַ מאָל געברויכט און וויא זיא ווערט היינט געברויכט.

49. עס קומען אָפט פאָר מעהר פאָרשלעגע, וועל-כע מען קען ניט אננעהמען, ביז מען פערשטעהט פאָל-שטענדיג געוויסע פונקטען, אָדער עס ווערן ערקלערט געוויסע פראַגען, וועלכע מוזען פערשטאַנדען ווערן און ערקלערט ווערן, איידער מען נעהמט אָן דעם פאָרשלאַג. לאָמיר עס ערקלערן מיט אַ ביישפיעל. עס איז געשטעלט געוואָרען אַ פאָרשלאַג, אַז אן אַלטער מאַנן זאָל בע-פרייט ווערן פון צאהלען זיינע ביטרעגע. פיעלע מיטגליע-דער געפינען, אַז אַזאַ פאָרשלאַג וועט ברענגען פיעלע אונאַננעהמליכקייטען און זיי שטעלען דיא פאָרפראַגע אָדער דיא אָריגינאַל פראַגע, דאס הייסט, איידער מיר נעהמען אן דיעזען פאָרשלאַג, מוזען מיר דאָך וויסען, וואס עס הייסט אַן אַלטער מאנן? לאָמיר פריהער בעשטימען,

װעלכער הייסט אן אלטער מאנן, דאן װעלען מיר זעהן, אויב מען קען אננעהמען דעם פארשלאג, אז אן אלטער מאנן זאל בעפרייט װערן פון צאהלען בייטרעגע. מיט אנדערע װערטער, דער פארשלאַג, אז אן אלטער מאנן זאל בעפרייט װערן פון צאהלען בייטרעגע, פאלט אראפ, ער װערט אונטערדריקט, ער האט מעהר קיין װערטה, ביז מען װעט ענטשיידען דיא פארפראגע, װאס עס הייסט אן אַלטער מאנן.

דיעזע פארלאמענטארישע פארם איז אנגענומען גע-װארען אין ענגלישען פארלאמענט מיט צװייא הונדערט יאהר צוריק, װען עס פלעגט פארקומען אַ פארשלאג װעגען אַ הויכשטעהענדע פערזאן, אַ קעניג, אֵ פרינץ, און מען פלעגט ניט װעלען, אז דער פארשלאג זאל קו-מען צור דעבאַטע. מען פלעגט דאן שטעללען דיא פאר-פראגע אדער אריגינאל פראגע, װאס דאמאלס האט געהייסען: עס איז דאך גאר א פראגע, אויב אזא פער-זאן איז אונטערװארפען אונטער אזא פארשלאג. דאמאלס פלעגט מען אין אזא פאל שטעלען דיא פראגע:

זאלל מען Shall the main question be put? שטעלען דיא אריגינאלע פראגע? דאס הייסט, קענען מיר דען אננעהמען דיעזע הייפט פראגע? און דיעזער פאָרם װערט נאָך יעצט געברויכט דיא פאָרפראַגע אָדער דיא אָריגינאַל פראַגע אין ענגלישען פאַרלאַמענט

50. דער געוועהנליכער אַנטוואָרט אויף דער פראַגע : „זאָל מען שטעלען די אָריגינאַל פראַגע ?" — איז „ניין", מען קען אָבער אויך ענטפערען דאַרויף מיט „יאַ", און אין אַזאַ פאַל הייסט עס, אַז מען זאָל מעהר ניט דעבאַטירען איבער דיעזען פונקט, זאָנדערן איהם באַלד פאָרלעגען צור אָבשטימונג. געוועהנליך אָבער געברויכט מען יעצט די פאָרפראַגע אָדער אָריגינאַל פראַגע, אום צו אונטערדריקען, זי צו פערניכטען. ווען עס ווערט געשטעלט דיעזע פאָרפראַגע, וועלכע ווערט געוועהנליך אויסגעדריקט מיט פאָלגענדע ווערטער : „זאָל די פאָרפראַגע יעצט געשטעלט ווערען ?" — קען די פערזאַמלונג דאַרויף ענטפערען מיט „ניין !" די פאָרפראַגע זאָל יעצט ניט געשטעלט ווערען. דערמיט ענדיגען זיך אַלע דעבאַטען און דער פאָרשלאַג איז דורכגעפאַלען. — ענטפערט אָבער די פערזאַמלונג מיט „יאַ !" — דאַן מוז דער פאָרשלאַג באַלד, אָהנע דעבאַטען, פאָרגעלעגט ווערען צור אַבשטימונג.

51. מען רופט אין דער פאַרלאַמענטאַרישער וועלט די פאָרפראַגע „דער פאַרלאַמענטאַרישער מוילקאָרב" (נאַמאָרדניק, אַ מויל-שלאָס, וועלכען מען טהוט אָן אַ הונט), ווייל דורך דיעזער פראַגע ווערט אָפגעהאַקט, אָפגעשניטען יעדע דעבאַטע איבער אַ געוויסען געגענשטאַנד. אָבער אַן אַנשטענדיגע און פעהיגע פערזאַמלונג לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט פיהרען אין באַד

מיט אַ פּאַרלאַמענטאַרישע קונסט־שטיקע. מען קען זעהר לייכט שטימען געגען דעם, וועלכער שטעלט די פֿאָרפראַגע און דאַן קען מען דעבאַטירען איבער דעם פֿאָרשלאַג.

2טע אבטהיילונג

אָפּלעגען אויף אַן אונבעשטימטע צייט.

52. וויל מען אָבער ווירקליך לויז ווערען פון אַ פֿאָרשלאַג און איהם שטעלען אין אַזאַ לאַגע, אַז מען זאָל שוין קיין מאָל ניט קענען דעבאַטירען איבער איהם, איז דער בעסטער וועג, צו מאַכען אַ פֿאָרשלאַג, אַז מען זאָל דעם ערשטען פֿאָרשלאַג אָפּלעגען, פערטאַגען, און ניט צו זאָגען, אויף ווען מען זאָל איהם פערטאַגען. אויף דיעזער אַרט פערניכטעט מען אין גאַנצען דעם פֿאָרשלאַג, ווייל ווען מען לעגט אָפּ אַ זאַך אויף אַן אונבעשטימטער צייט, הייסט עס, אַז מען וויל די זאַך קיין מאָל ניט טהאָן. ווען איינער זאָגט : „איך וועל זעהן" — מיינט ער דערמיט, אַז ער וויל זיך גאָר ניט בעשעפטיגען מיט דיעזער פראַגע. בעשטימט אַלזאָ די פערזאַמלונג, אַז מען זאָל דעם פֿאָרשלאַג אָפּלעגען, הייסט עס, אַז דער פֿאָרשלאַג איז אין גאַנצען דורכגעפאַלען. שטימט זי אָבער דאַגעגען, מוז דער פֿאָרשלאַג פֿאָרגעלעגט ווערען צור דעבאַטע.

7טעס קאַפּיטעל

איבער פאַרשלעגע אָפּצולעגען אַ פאָרשלאַג.

53. ווען די פערזאַמלונג וויל אָננעהמען אַ פאָרשלאַג, — זי געפינט אָבער, אַז ניט יעצט איז די צייט צו פערהאַנדלען וועגען איהם, איז דער געוועהנליכער וועג, ענטוועדער אָפּצו־לעגען דעם פאָרשלאַג אויף שפּעטער, אויף אַן אַנדער טאָג, — אָדער אויף אַן אַנדער זיצונג, אָדער אויך צו לעגען דעם פאָר־שלאַג אויפ׳ן טיש.

54. ווען די מיטגליעדער פון דער פערזאַמלונג געפינען דעם פאָרשלאַג פאַר ריכטיג, אָבער זיי ווילען זיך מעהר בעקע־נען מיט דער פראַגע, בעסער פערשטעהן די אַנגעלעגענהייט, גענויער אויספאָרשען די אַנגעלעגענהייט, — איז דער ריכ־טיגסטער וועג אָפּצולעגען דעם פאָרשלאַג אויף אַן אַנדער טאָג, אָדער אויף אַן אַנדער זיצונג.

55. ווען די פערזאַמלונג וויל אויפנעהמען אַ פאָרשלאַג און איהם פערהאַנדלען, זי געפינט אָבער, אַז געראַדע יעצט האָט זי פיעל וויכטיגערע געשעפטען צו פערהאַנדלען אַלס די־זען פאָרשלאַג, אָדער זי מוז מאַכען פיעלע וויכטיגע בעשליסע, איידער זי קען אויפנעהמען דיזען פאָרשלאַג, און עס איז מעג־ליך, אַז ווען דיזע בעשליסע וועלען אָנגענומען ווערען, וועט דער פאָרשלאַג אַליין אָפּפאַלען, אָדער מען וועט מוזען מאַכען

גאָר אַן אַנדער פּאָרשלאַג אין דיעזער בעציהונג. — דאַן איז דער ריכטיגסטער וועג צו לעגען דעם פּאָרשלאַג אויפ'ן טיש (To lay it on the table). — ווען דיעזער אַנטראַג ווערט אַנגענומען, בלייבט דער פּאָרשלאַג ליעגען אויפ'ן טיש, דאָס הייסט, ער ווערט יעצט ניט פערהאַנדעלט, אָבער ער קען צו יעדער צייט אויפגענומען און פערהאַנדעלט ווערען.

56. מען בענוצט זיך אויך מיט דיעזען ערזאַץ פּאָרשלאַג: „צו לעגען אַ פּאָרשלאַג אויפ'ן טיש", אום לויז צו ווערען פון אַ פּאָרשלאַג, וועלכער געפעהלט ניט. דאַן אָבער מוז מען זעהן, אַז ער זאָל בלייבען ליעגען אויפ'ן טיש און מען זאָל איהם קיין מאָל ניט ווידער אויפנעהמען.

57. איבער אַן ערזאַץ פּאָרשלאַג, ווי מען זאָל אָפּלעגען אַ פּאָרשלאַג, אָדער מען זאָל לעגען אַ פּאָרשלאַג אויפ'ן טיש, — קען מען ניט דעבאַטירען. אַזאַ ערזאַץ פּאָרשלאַג מוז באַלד אָפּגעשטימט ווערען און ענטשיעדען ווערען — „יאָ" אָדער „ניין", — דאָס הייסט, זאָל מען דעם פּאָרשלאַג אָפּלעגען, זאָל מען איהם לעגען אויפ'ן טיש אָדער ניט. — צו אַן ערזאַץ פּאָרשלאַג: מען זאָל אָפּלעגען אַ פּאָרשלאַג, קען מען מאַכען אַן אַמענדעמענט: מען זאָל אָפּלעגען דעם פּאָרשלאַג אויף אַ בעשטימטע צייט. צו דעם ערזאַץ פּאָרשלאַג אָבער: מען זאָל לע-

נעך דעם פאָרשלאַג אויפ'ן טיש, קען מען קיין אַמענ־ דעמענט מאַכען.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

איבערווייזונגס פאָרשלעגע.

Motions to Commit.

58. ווען דיא פערזאמלונג וויל אויפנעהמען אַ פאָר־ שלאַג, זיא געפינט אבער, אז דער פאָרשלאַג אליין איז געמאַכט געוואָרען ניט ריכטיג, ער איז ניט אויסגעדריקט מיט דיא ריכטיגע ווערטער, אָדער מען דאַרף זיך גוט איבערלעגען, וויא צו שטעלען דיעזען פאָרשלאַג און דאס קען מען ניט טהאָן אין דער עפענטליכען פערזאמלונג, אין אַזאַ פאלל איז דער ריכטיגסטער וועג איבערצוגעבען דעם פאָרשלאַג צו אַ קאָמיטע, וועלכעס זאל איהם רו־ היג בעטראַכטען, בעקלערן, זיך גוט איבערלעגען און איהם דאן אַריינברענגען צו דער פערזאמלונג צור פערהאנדלונג. דאס הייסט איבערווייזען אַ פאָרשלאַג, איהם איבערגע־ בען צו אַ קאָמיטע, Comitment.

59. עס קען אויך זיין, אז דיעזע פראגע איז שוין איין מאָל איבערגעגעבען געוואָרען צו אַ קאָמיטע, אבער דיא פערזאמלונג געפינט, אז דיעזעס קאָמיטע האט ניט געטהאָן זיין פפליכט, אָדער עס האָט ניט גרינדליך אויס־ געלערנט דיעזע פראַגע, מען פאָרדערט אַלזאָ, אז מען

זאל דיזעלבע פראגע נאך א מאל איבערגעבען צו אַ קאמיטע, מען זאל עס ווידער פערווייזען צו אַ קאָמיטע Recommitment. אין אזא פאלל קען מען פערלאנגען, אז מען זאָל דיזע פראַגע איבערגעבען צו דעמזעלבען קאָמיטע, צום פריהערדיגען קאָמיטע, אדער מען זאָל דאס פריהערדיגע קאמיטע ענטלאסען און מען זאָל איבער-געבען דיא פראגע צו אַ נייעב קאמיטע.

60. ווען אין דער אָרגאַניזאַציאָן געפינט זיך אַ בעשטענדיגעס קאָמיטע איבער דיזע אַנגעלעגענהייט, ווי צום ביישפיעל, אַ בעשטענדיגעס פינאַנץ קאָמיטע, און דער פאָרשלאַג איז געמאַכט געוואָרען וועגען אַ פינאַנץ אַנגע-לעגענהייט, דאַן ווערט דער פאָרשלאַג איבערגעגעבען דעם פינאַנץ קאָמיטע. האט אבער דיא אָרגאַניזאַציאָן קיין שטענדיגעס קאָמיטע איבער דיזע אַנגעלעגענהייט, דאַרף מען ערנענען א נייעס קאָמיטע. אין פאַל דיא אָרגאַניזאַ-ציאָן האט אַ שטענדיגעס קאָמיטע, עס איז אָבער ענט-שטאַנדען אַ פראַגע, אויב דיזע אַנגעלעגענהייט געהערט צו דעם שטענדיגען קאָמיטע און עס זיינען געמאַכט געוואָרען צוויא פאָרשלעגע: איינער, מען זאָל איבער-געבען דיא פראַגע דעם שטענדיגען קאָמיטע, און דער צווייטער, מען זאָל ערנענען אָדער ערוועהלען אַ נייעס קאָמיטע, דאַרף מען צוערשט אויפנעהמען דעם פאָרשלאַג

אַז מען זאָל איבערגעבען די פראַגע צום שטענדיגען קאָמיטע.

61. ווען אַ פאָרשלאַג ווערט איבערגעגעבען צו אַ קאָמיטע, אָדער ווען ער ווערט צום צווייטען מאָל איבערגעגעבען צו אַ קאָמיטע, קען די פערזאַמלונג אָנווייזען און בעלעהרען, געבען אינסטרוקציאָנען דער קאָמיטע, ווי אַזוי עס זאָל אויסלערנען, פערשטעהן און האַנדלען איבער דעם גאַנצען פאָרשלאַג אָדער איבער געוויסע פונקטען פון דעם פאָרשלאַג. — די פערזאַמלונג קען אָבער אויך איבערגעבען די גאַנצע אַנגעלעגענהייט דער קאָמיטע און איהר לאָזען טהאָן און האַנדלען ווי זי וועט פערשטעהן און געפינען פאַר נויטהיג. — אין דעם ערשטען פאַל, ווען דאָס קאָמיטע האָט אינסטרוקציאָנען, מוז עס האַנדלען גענוי נאָך די אינסטרוקציאָנען און פינקטליך אויספאָלגען דעם פערלאַנג פון דער פערזאַמלונג. אין צווייטען פאַל, ווען דאָס קאָמיטע האָט קיינע אינסטרוקציאָנען, האָט עס די פאָלמאַכט — פולל פאָוער — צו פערהאַנדלען איבער דיעזע אַנגעלעגענהייט און עס מעג אַריינבריינגען אַ בעריכט, ווי די מיטגליעדער פון דער קאָמיטע געפינען פאַר נויטהיג, אָבער דיעזער בעריכט דאַרף זיין אין אַ פאַסענדער פאָרם און איינשטימיג מיט די אַלגעמיינע פאַרלאַמענטאַרישע רעגלען.

62. מען קען איבערגעבען אַ קאָמיטע נאָר א י י ן

מהייל פון אַ פאָרשלאַג, ניט דעם גאַנצען פאָרשלאַג; מען קען אויך איבערגעבען פערשיעדענע פאַקטען פון אַ פאָרשלאַג צו פערשיעדענע קאָמיטעען, יעדעס קאָמיטע זאל אויסאַרבייטען זיין פונקט.

63. איבערגיבען אַ פאָרשלאַג צו אַ קאָמיטע מיט אינסטרוקציאָנען ווערט אַמאל בענוצט צו דערגרייכען אַ דאָפּעלמען צוועק. ערשטענס, צו פערשטעהן אַ געוויסע אַנגעלעגענהייט. צווייטענס, אָפּצולעגען אַ פאָרשלאַג אויף אונבעשטימטע צייט.

פטעם קאַפּיטעל.

איבער דעם ערזאץ פאָרשלאַג אומצוענדערן אָדער אויסצובעסערן א פאָרשלאַג.

64. אַן אַנדער גרונד, אַן אַנדערע אורזאַכע, צו מאַכען אַן ערזאַץ פאָרשלאַג איז, ווען דיא פערזאמלונג איז צופריעדען מיט'ן פארשלאַג און זיא וויל איהם אַנ-נעהמען, זיא געפינט אבער, אַז דער פארשלאַג איז גע-מאַכט געווארען ניט אַזוי וויא ער וואלט גענדאַרפט גע-מאַכט ווערן, אדער אַז ער דאַרף אומגעענדערט ווערן, אַז געוויסע פונקטען אין איהם, דאַרפען אויסגעבעסערט ווערן, אָדער מען דאַרף נאָך עפּעס צו זעצען צום פאָר-שלאַג, עפּעס צו געבען צו איהם. דער געוועהנליכער וועג אין אַזאַ פאַלל איז צו מאַכען אַן אַמענדמענט אָדער

אַמענדעמענטס צום הויפּט פּאָרשלאַג. אָדער מען זאָל שטעלען דעם פּאָרשלאַג אין דער ריכטיגער פאָרם. געוועהנ־ליך בענוצט מען דעם ערשטען וועג, דאס הייסט, מען מאַכט אן אַמ״נדמענט אָדער אַמענדמענטס צום הויפּט פּאָרשלאַג.

1. אַבטהיילונג.

צו טהיילען א פראגע.

65. ווען אן אַנטראג אָדער אַ פּאָרשלאג בע־שטעהט פון פערשיעדענע פּונקטען, וועלכע זיינען אזוי אונאבהענגיג איינ״ר פון אנדערן, אז מען קען צו טהיי־לען דעם פּאָרשלאג אויף פערשיעדענע פראגען און פער־האנדלען יעדע פראגע בעזונדער, און דיא פערזאמלונג קען איינגע פּונקטען אננעהמען און דיא אנדערע פער־ווערפען, צוריקווייזען, דאן איז דער קירצ״סטער וועג צו מאכען אן אמענדמענט, אז מען זאָל צו טהיילען דעם פּאָרשלאג אויף פערשיעדענע פּונקטען, איבער יעדען פּונקט זאָל מען פערהאנדלען בעזונדער און איהם אבשטימען בעזונדער, גלייך וויא ער וואָלט געווען א פּאָרשלאג פאר זיך. אזא אמענדמענט מוז פּאָרגעשלאגען און אונטער־שטיצט ווערן און דיא פערזאמלונג קען הייסען, מען זאָל צו טהיילען דעם אנטראג.

66. ווען אן אנטראג אָדער א פּאָרשלאג הערט צו טהיילט אויף דיעזער ארט, ווערט פון איהם א גאנצע

רייהע פאָרשלעגע, יעדער פון זיי מוז בעזונדער פערהאנ־דעלט ווערן אין דער ארדנונג אין דער רייהע, וויא זיי זיינען ג׳שטעלט געוואָרען אין הויפט פאָרשלאג. דער מעמבער, וועלכער מאכט דאס אמענדמענט, אז מען זאל צו טהיילען א פאָרשלאג אויף פערשיעדענע פונקטען, דארף ערקלערן, אויף וויא פיעל פונקטען מען זאָל צו טהיילען דעם פאָר־שלאג, דאס הייסט דיעזעס אמענדמענט, קען אויך אוים־געבעסערט ווערן, אומגעענדערט ווערן, און מען קען מאכען אן אמענדמענט צו דיעזען אמענדמענט.

67. איינינע בעהויפטען, אז יעדעס מיטגליעד פון א פערזאמלונג האט דאס רעכט צו פאָדערן אז אן אנטראג אָדער א פאָרשלאג זאָל געטהיילט ווערן און מען דארף ניט מאכען וועגען דעם א בעזונדערן פאָר־שלאג, דאס איז אבער ניט ריכטיג און קיין אָרגאניזא־ציאן, קיין פערזאמלונג דארף ניט מאכען אזא רעגעל, אז קוים פערלאנגט א מעמבער, מען זאָל צו טהיילען א פאָרשלאג, זאל מען גאָר אהנע דעבאטען צו טהיי־לען דעם פאָרשלאג.

68. א פאָרשלאג קען נור דאן צו טהיילט ווערן, ווען ער ענטהאלט אין זיך אזעלכע פערשיעדענע פונק־טען, אז ווען מען זאָל איינינע פונקטען אוועק נעהמען אדער צוריק ווייזען, קענען דיא איבעריגע פונקטען אנ־גענומען ווערן און בלייבען אלס בעשלוס אדער בעפעהל

פון דער פערזאַמלונג. ווען אַ פאָרשלאַג ענטהאַלט אָבער נור אויסנאַהמען אָדער ער וויזט אן געוויסע פעללע, ווען ער זאָל אוים געפיהרט ווערן, דאן קען מען אַזאַ פאָר־שלאַג ניט צו טהיילען. לאָמיר עס ערקלערן מיט אַ ביישפיעל. עס איז געמאַכט געוואָרען אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל געבען דעם פינאַנץ סעקרעטער און דעם פראָ־טאָקאָללירענדען סעקרעטער אַ געוויסע סומע פאַר זייער אַרבייט. דיעזען פאָרשלאַג קען מען צו טהיילען און פערהאַנדלען איבער דעם געהאַלט פון פינאַנץ סעקרעטער בעזונדער און פון דעם פראָטאָקאָללירענדען סעקרעטער בעזונדער, דיא פערזאַמלונג קען געפינען, אַז איין סעק־רעטער זאָל מען יאַ צאהלען און דעם אַנדערן ניט.— ווען עס ווערט אבער געמאַכט אַזאַ פאָרשלאַג: מען זאָל צאהלען דעם פינאַנץ סעקרעטער אַ געוויסע סומע אַ יאהר, ווען ער וועט אויך פיהרען דאס פראָטאָקאל, קען מען דיעזען פאָרשלאַג ניט טהיילען, ווייל ער בע־שטעהט נור פון איין פונקט מיט אַ פראָוויזאָ Proviso, אַ בעדינגונג, אַז ווען דער פינאַנץ סעקרעטער וועט פיהרען דאס פראָטאקאלל, זאָל ער בעקומען דיעזע סומע.

2. אַבטהיילונג.

אוים פיללען א בלאנק.

69. אויף אַ קאנוועגציאָן, קאָנוועגש'ן, אָדער אַנ־

דערע גרעסערע פערזאמלונגען, אין וועלכע פאָרשלעגע ווערן געמאַכט שריפליך, קומט אָפט פאָר, אַז מען ברענגט אַריין אן אנטראַג, אַ פאָרשלאג, אדער אַ רעזאָלוציאָן מיט אַ בלאנק, אַ ליידיגען, ניט בעשריעבענעם פלאַץ אין דערמיט, בעזאָנדערס ווען עס האנדעלט זיך וועגען געלד אנגעלעגענהייטען אָדער וועגען אַ צייט. דער זינן פון דיעזע בלאנקס איז, וואָס דער פארשלעגער וויל ניט אליין בעשטימען דיא סומע געלד, וועלכע ער שלאגט פאר צו געבען, אדער ער וויל ניט אלליין בעשטימען דיא צייט, ווען אַזא זאַך זאָלל געשעהן, און ער לאָזט עס איבער דער פערזאמלונג; ער פערלאנגט אז דיא פערזאמלונג זאָל אויס פיללען דעם בלאנק, זיא זאָל בעשטימען וויא פיעל געלד מען זאל געבען, אָדער אין וועלכער צייט דיעזע אדער יענע זאך זאָל געשעהן. עס קען אויך זיין, אַז דער פארשלעגער וויים, אז עס דארפען געמאכט ווערן אויסנאהמען פון זיין פאָרשלאג, ער וויל אבער ניט בעשטימען דיעזע אויסנאהמען און לאזט עס איבער דער פערזאמלונג, דער פאר לאָזט ער איבער א בלאנק אין זיין פארשלאג.— אין אזא פאלל דארף געמאכט ווערן א פארשלאג, מען זאלל אויס פיללען דיא בלאנקס. האנדעלט עס זיך וועגען ציפערן פון געלד אָדער פון צייט, ווערט דער פארשלאג אויס צו פיללען דיא בלאנקס ניט בעטראכט אלס אמענד-

מענט, זאָנדערן אלס דער הויפּט פארשלאג. האנדעלט זיך עס אבער וועגען אן אויסנאהמע, ווערט דער פאר־שלאג אויס צו פּיללען די בלאנקס בעטראכטעט אלס אמענדמענט און מוז פערהאנדעלט ווערן אלס אַמענדמענט.

70. ווען די בלאנקס פון פארשלאג דארפען אויס געפּיללט ווערן מיט ציפערן איבער געלד אדער צייט, דאר־פען געמאכט ווערן פארשלעגע איבער די סומען, וויא פיעל געלד. לאָמיר זאגען, עס האנדעלט זיך וועגען ארויפלע־גען א בעזאָנדערן טעקס אויף די מיטגליעדער צו א גע־וויסען צוועק. דער פארשלעגער האט געלאזען א בלאנק א לעדיגען פּלאץ, וויא גרויס דער טעקס זאל זיין. מען דארף אלזאָ מאכען פארשלעגע, מיט וויא פיעל מען זאל טאקסירען די מיטגליעדער, אדער עס איז געמאכט א פארשלאג, אז מען זאל ניט אנריהרען דאס געלד פון דער קאססא אדער פון רעזערווע פאנד, ביז אין א געוויסע צייט, דער פארשלעגער האט אבער ניט בע־שטימט די צייט און האט געלאזען א בלאנק אין זיין פארשלאג אין זיין רעזאלוציאן. דאַן דאַרף מען מאַכען פארשלעגע, וויא פיעל יאהר, וויא פיעל מאנאטע מען זאל ניט אנריהרען די קאססאַ אדערד עס רעזערווע פאנד.

אין אזא פאלל קען מען מאכען עטליכע פאר־שלעגע מיט אַ מאל, איינער קען מאכען א פארשלאג, מען זאל טאקסירען יעדעס מיטגליעד נור מיט 100 דאלאר,

דער אַנדערער קען שטעלען אַן אַנטראַג, מען זאָל מאַק-סירען יעדעס מיטגליעד נור מיט 1 דאָללאַר. איינער קען מאַכען אַ פאָרשלאַג, מען זאָל ניט אנריהרען דיא קאסא אין אַ צייט פון 10 יאהר, דער אַנדערער קען שטעלען דעם אַנטראַג, מען זאָל ניט אָנריהרען דיא קאַסא אין אַ צייט פון דרייא מאָנאַטע.

71. ווען עס ווערן געמאַכט פיעלע אַ זעלבע פאָר-שלעגע און מען דאַרף אָפּשטימען איבער זיי, איז עס דיא רעגעל אין אַמעריקאַ, אַז צו ערשט זאָלען מען אָפּשטי-מען איבער דיא גרעסטע סומע און דיא לעננסטע צייט, פאַלט דורך דיעזער פאָרשלאַג, נעהמט מען צור אַב-שטימונג דעם צווייטען, וועלכער פערלאַנגט אַ קלענערע סומע און אַ קירצערע צייט. פאַלט דורך אויך דיעזער פאָרשלאַג, נעהמט מען צור אבשטימונג דעם דריטען פאָרשלאַג, ביז מען קומט צו אַ בעשלוס.

3. אבטהיילונג.

צו זעצען,—צו שיידען,—אומשרייבען.

72. ווען עס ווערן געמאַכט צווייא פאָרשלעגע, וועלכע קענען צוזאַמענגעשמאָלצען ווערן אין איין פאָר-שלאַג, ווייל זיי ענטהאַלטען אין זיך דעמזעלבען געגענ-שטאַנד, אָבער אין פערשיעדענע אויסדריקע, איז דער איינפאַכסטער וועג צו מאַכען אַן אַמענדמענט אַז פון

ביידע פאָרשלעגע זאָל געמאַכט ווערן איינער און דיעזער איינער זאָל פאָרגעלעגט ווערן פאַר דער פערזאַמלונג. עס איז אבער בעסער איבער צו געבעןביידע פאָרשלעגע צו אַ קאָמיטע, וועלכעס זאָל זיי אויס אַרבייטען און מאַכען פון זייא איין פאָרשלאַג.

73. דאס זעלבע איז, ווען עס איז בעסער און פּאַסענדער צו מאַכען פון איין פאָרשלאַג צווייא פערשיעדענע פאָרשלעגע, מען דאַרף דאן מאַכען אן אמענדמענט, אַז מען זאָל איין טהייל פון פאָרשלאַג אויס שטרייכען און מאַכען פון איהם אַ בעזונדערן פאָרשלאַג, אָבער אויך אין דיעזען פאַלל איז עס בעסער איבער צו געבען דיא גאַנצע אַנגעלעגענהייט צו אַ קאָמיטע.

74. דאס זעלבע איז, ווען מען געפינט, אַז אין אַ פאָרשלאַג דאַרף מען מאכען אזא ענדערונג אָדער אימשרייבונג, אַז דער ערשטער פונקט זאָל אויס קומען דער צווייטער אָדער דער דריטער און דער דריטער פונקט זאָל נאָר זיין דער ערשטער.

4. אבטהיילונג.

אן ענדערונג פון א פאָרשלאַג אָדער אן אמענדמענט צו א פאָרשלאַג געמאכט פון פאָרשלעגער אליין.

75. ווען אַ פאָרשלאַג איז געמאכט, אונטערשטיצט און פאָרגעלעגט געוואָרען פאר דער פערזאַמלונג, קען שוין

דער פאָרשלעגער איהם ניט צוריק ציעהען און איהם ניט ענדערן, אויסער ווען דיא פערזאמלונג ערלויבט עס איהם. אין אַזא פאלל דארף געמאכט ווערן א פאָר-שלאג, אז דיא פערזאמלונג זאָל ערלויבען דעם פאָרשלע-גער צוריק צו ציעהען אָדער צו ענדערן זיין פאָרשלאג. דיעזער פאָרשלאג מוז אונטערשטיצט ווערן און פאָרגע-לעגט ווערן צור אבשטימונג, וויא יעדער נייער פאָר-שלאג.

76. דאס זעלבע איז, ווען מען האט געמאכט אן אמענדמענט צו א פאָרשלאג און דער פאָרשלעגער פון אָריגינאל פארשלאג איז פאָלקאָמען איינשטימיג מיט דעם אמענדמענט און פערלאנגט אז נור דאס אמענדמענט זאל פאָרגעלעגט ווערן צור אבשטימונג.

5. אבטהיילונג.

אַלגעמיינע רעגעלן איבער אַמענדמענטס.

77. יעדע אויסבעסערונג, אָדער ענדערונג—אמענד-מענט—פון א פאָרשלאג קען געמאכט ווערן אויף פאָל-גענדע דרייא ארטען, אופנים: מען קען צו זעצען, צו געבען, צו שטעלען געוויסע ווערטער צום אריגינאל פאָר-שלאג; מען קען אויס שטרייכען, ארויס ווארפען, אוועק-נעהמען געוויסע ווערטער פון א פאָרשלאג; מען קען ארויס ווארפען, אוועק נעהמען געוויכע ווערטער און אויף

זייער אָרט אַריינשטעללען, צו זעצען אַנדערע ווערטער. דיעזע פאָרמען פון אַמענדמענטס זיינען אונטערוואָרפען אונטער געוויסע רעגעלן, וועלכע מוזען גענויא בעשטימט ווערן און שטרענג אָפּגעהיט ווערן.

78. דיא ערשטע רעגעל. ווען אַ פאָרשלאַג בעשטעהט פון פערשיעדענע פונקטען, אַבטהיילונגען אָדער פּאַראַגראַפען און מען וויל מאַכען אַמענדמענטס צו דיע-זען פאָרשלאַג, דאַרף מען אָנהויבען פון אָנפאַנג, דאס הייסט, פון ערשטען פונקט, פון ערשטען פּאַראַגראַף און ווען עס איז געמאַכט געוואָרען אַן אַמענדמענט נור צום לעצטען פונקט, קען מען ניט געהן צוריק און מאַכען אַמענדמענטס צו דיא פריהער- דיגע פונקטען.

79. דיא צווייטע רעגעל. צו יעדען אַמענד-מענט, וועלכעס פערלאַנגט, אַז מען זאָל צו זעצען גע-וויסע ווערטער צו אַ פאָרשלאַג, ארויס צו וואַרפען גע-וויסע ווערטער פון אַ פאָרשלאַג, אָדער אַרויס צו וואַר-פען געוויסע ווערטער און אויף זייער אָרט אַריינצושטע-לען אַנדערע ווערטער.—צו יעדען אַ זעלכען אַמענדמענט קען מען מאַכען נאָך אַן אַמענדמענט, נאָך אַן אויס בעסערונג, נאָך אַן ענדערונג. מען קען אָבער ניט מאַ-כען אַן אַמענדמענט צו אַן אַמענדמענט פון אַמענדמענט. מיט אַנדערע ווערטער, מען קען ניט אויפהויפען פיעלע פראַגען איינע איבער דיא אַנדערע, אויפבויען אַ גאַנצען

טהורם פון פראַגען און זייא אַרויפלעגען איינע איבער די אַנדערע, וויא מען לעגט ארויף ציעגעל אין אַ וואַנט. מען מוז מאַכען אַ גרענעץ, אַ בעשרענג צו דיעזעס אויפהויפען פון פראגען און פערבעסערונגען און דאַרום האָט מען אָנגענומען, אַז מען זאָל נור מאַכען איין אַמענד-מענט צו אַן אַמענדמענט, אָבער ניט מעהר.

80. ווען עס איז אָבער דאָך נעטהיג צו מאַכען אַ דריטערס אמענדמענט, דאס הייסט, צו מאַכען אן אַמענדמענט צו אן אמענדמענט, וועלכעס איז אן אמענד-מענט צו אַ פאָרשלאַג, מוז דער מעמבער, וועלכער וויל מאַכען דעם דריטען אמענדמענט ערקלערן, אז נור ווען דאס צווייטע אמענדמענט וועט דורכפאלען, וועט ער מאַכען זיין אמענדמענט, וועלכעס וועט דאן זיין נור דאס צווייטע אמענדמענט, לאָמיר עס ערקלערן מיט אַ ביי-שפיעל עס איז געמאכט געוואָרען אַ פאָרשלאַג, מען זאָל געבען דעם סעקרעטער 5 דאָללאר, צו דיעזען פאָר-שלאג איז געמאכט געוואָרען אן אמענדמענט; אז מען זאָל איהם געבען 10 דאללאר, צו דיעזען אמענדמענט איז געמאכט געוואָרען אן אמענדמענט, אז מען זאָל איהם געבען 15 דאָלאר. דער מיט סטאפּט, מעהר קיין אמענד-מענטס קענען ניט געמאכט ווערן. מען קען אבער מא-כען אן אמענדמענט, אז ער זאָל בעקומען 20 דאָללאר, ווען ער וועט אויך פיהרען דאס פראָטאָקאָלל בוך, אָדער

ווען דער אָריגינאל פּאָרשלאג פון 5 דאָללאר ווערט צו־ריק געצויגען, דאן בלייבט דאס אמענדמענט פון 10 דאָל־לאר אלס אָריגינאל פּאָרשלאג, מע קען אלזאָ צו איהם מאַכען אן אמענדמענט פון 15 דאללאר און אן אמענד־מענט צום אמענדמענט פון 20 דאָללאר.

81. דיא דריטע רעגעל. ווען דיא פערזאמלונג האָט איין מאָל אפגעשטימט איבער אן אמענדמענט: זיא האָט איהם אנגענומען אָדער זיא האט איהם ניט אנגענומען, קען מען מעהר קיין נייעס אמענדמענט מא־כען איבער דיעזען געגענשטאנד.

82. דיא פינפטע רעגעל. ווען אן אמענד־מענט איז ניט אנגענומען געוואָרען, דאס הייסט, מען האט געשטימט געגען איהם, קען מען דיעזעס אמענד־מענט שפּעטער ניט מאכען צו א נייעם פּאָרשלאַג. מען קען ניט זאָגען: אלס אמענדמענט האָט מען איהם ניט אנגענומען, מען קען איהם אָבער אננעהמען אלס פּאָר־שלאַג. דאס איז דאך זעלבסט פערשטענדליך, ווייל דער גאנג פון דיא פערהאנדלונגען פאדערט עס, אז קיים האט מען געשטימט געגען א געוויסע זאך, קען מען דיעזעלבע זאך ניט ווידער אויפנעהמען.

82. מען קען ניט אננעהמען אן אמענדמענט, ווייל ער איז געגען אַ בעשלוס, וועלכען מען האט פריהער געפאַסט. דאס רעכט צו ערקלערען, אז דיעזעס אמענדמענט

איז נעגען א געוויסען בעשלוס געהערען צו דער פער-
זאַמלונג, דאס הייסט, צו יעדען מעמבער פון א פערזאַמ-
לונג, אָבער ניט צום פרעזידענט פון דער פערזאַמלונג.—
דיא פערזאַמלונג קען ניט געבען דעם פרעזידענט דיעזעס
רעכט, ווייל ער קען דאן געפינען געלעגענהייט צו מיס-
ברויכען זיין רעכט און ניט אנצונעהמען אַמענדמענטס,
וועלכע מען קען יאַ אננעהמען.

6. אַבטהיילונג.

אמענדמענט ארויס צו וואַרפען געוויסע ווערטער פון א פאָרשלאַג.

84. ווען אַן אַמענדמענט פערלאַנגט, אַז מען זאָל
ארויס וואַרפען געוויסע ווערטער פון א פאָרשלאַג און דיע-
זעס אַמענדמענט איז דורכגעפאלען, דאס הייסט, מען
האָט געשטימט נעגען איהם, קען מען מעהר ניט מאַ-
כען אַן אַמענדמענט נעגען אַלע דיעזע ווערטער אָדער
זאָגאַר נעגען אייניגע פון דיעזע ווערטער פון פאָרשלאַג,
מען קען אָבער מאַבען אַן אַמענדמענט נעגען אנדערע
ווערטער פון פאָרשלאַג.

85. זאָ צום בייספיעל, ווען עס איז געמאַכט נע-
וואָרען אַ פאָרשלאַג, דער סעקרעטער זאָל פיהרען דאס
פראָטאָקאָלל בוך, ער זאָל זיצען יעדען טאג דרייא שטונ-
דען אין אָפיס און זאָל בעקומען אַזאַ סומע געהאַלט אַ
יאהר. אויף דיעזען פאָרשלאַג איז געמאַכט געוואָרען אַן

אַמענדמענט, מען זאָל פון איהם אַרויס וואַרפען דיא ווער-טער: ער זאָל זיצען יעדען טאָג דרייא שטונדען אין אָפּיס, דיעזעס אַמענדמענט איז דורכגעפאַללען, דאס הייסט, מען האָט נעשטימט דאַגעגען, אַלזאָ פערלאַנגט דיא פער-זאַמלונג, דער סעקרעטער זאָל יאַ זיצען יעדען טאג דרייא שטונדען אין אָפּיס, און דאַרום קען מען שוין מעהר ניט מאַכען אן אַמענדמענט, ער זאל זיצען נור איין שטונדע אין אָפּיס, מען קען אבער מאכען אן אמענדמענט, אַז ער זאָל ניט דאַרפען פיהרען דאס פּראָטאקאָלל בוך.

86. ווען אַן אמענדמענט ארויס צו ווארפען גע-וויסע ווערטער פון אַ פּאָרשלאג איז אָנגענומען געוואָרען, דאס הייסט, מען האט געשטימט דאפיר, אַז מען זאָל יאַ אָננעהמען דאס אַמענדמענט, און מען זאָל ארויס ווארפען דיעזע ווערטער, קען מען דער נאָך ניט מאכען אַ פּאָרשלאג, אז מען זאָל דיעזע ווערטער אָדער אַ טהייל פון דיעזע ווערטער יא אננעהמען אין פּאָרשלאג, מען קען אבער מאכען א פארשלאג, אז מען זאל אויפנעה-מען דיעזע ווערטער מיט אנדערע, נייע ווערטער, וועלכע מען וויל צו געבען צום פּאָרשלאג, אבער דאן מוזען דיעזע נייע ווערטער ניט זיין געגען דעם פּאָרשלאג און זיי מו-זען אין אלגעמיינען ניט זיין געגען דעם אמענדמענט, וועלכען מען האט איינמאל אנגענומען.

87. צו אן אמענדמענט ארויס צו ווארפען געוויסע

ווערטער פון א בעזונדערן פונקט פון א פארשלאג קען געמאכט ווערן אן אמענדמענט אין דרייא פערשיעדענע וועגען, דאס הייסט, דאס אמענדמענט צום אמענדמענט קען געמאכט ווערן אויף דרייערלייא ארטען. מען קען פערלאנגען, אז מען זאלל ארויס ווארפען נור א טהייל פון דיעזען פונקט, מען קען פערלאנגען, אז מען זאל צו זעצען ווערטער צו דיעזען פונקט און מען קען פערלאנ- גען, אז מען זאל ארויס ווארפען אייניגע ווערטער און אויף זייער אָרט זאל מען צו זעצען אנדערע ווערטער.

88. לאָמיר עס ערקלערן מיט פאלגענדען ביישפיעל, וועלכעס מיר האבען שוין איינמאָל גענומען. דער פאר- שלאג איז געמאכט געווארען, אז דער סעקרעטער זאל פיהרען דאס פראטאקאלל בוך אויך, זאל זיצען יעדען טאג אין אפים דרייא שטונדען און זאל בעקומען אזוי פיעל געהאלט א יאהר. צו דיעזען פארשלאג קען מען מאכען אן אמענדמענט, אז מען זאל אין גאנצען ארויס ווארפען דיא ווערטער: ער זאל זיצען יעדען טאג אין אפים דרייא שטונדען. מען קען צו זעצען ווערטער צו דיעזען פארשלאג און מאכען אן אמענדמענט, אז ער אדער זיין אסיסטענט זאל זיצען יעדען טאג דרייא שטונדען אין אפים. מען קען אבער אויך מאכען אן דרייא מאָל אין דער וואָך. מען קען אויך אַרויס וואַרפען

דאס וואָרט דרייא שטונדען און אריינשטעלען דאס וואָרט איין שטונדע. ווען עס איז געמאַכט געוואָרען אַן אמענד-מענט, דעם גאַנצען פונקט אויס צו שטרייכען. קען מען שוין ניט מאַכען אַנאַנדער אַמענדמענט, אַז מען זאָל ענדערן דיעזען פונקט, ווייל ווען עס וועט אנגענומען ווערן אַז דער גאַנצער פונקט זאָל אויס געשטריכען ווערן, אַרויס געוואָרפען ווערן, קען מען דאָך שוין ניט מאַכען אן אַמענדמענט, אַז דער סעקרעטער זאָל זיצען יעדען טאָג נור איין שטונדע. דיא מיטגליעדער, וועלכע פערלאַנגען יאַ, אַז דיעזער פונקט זאָל בלייבען, מוזען אַלזאָ זעהן מאַכען זייער אַמענדמענט פריהער, איידער עס ווערט געמאַכט דאס אַמענדמענט, מען זאָל דיעזען פונקט אין גאַנצען אויס שטרייכען, ארויס וואַרפען פון פאָרשלאַג.

89. עס איז אַ רעגעל, אַז ווען עס ווערט געמאַכט אן אַמענדמענט צו אַ פאָרשלאַג, דאַרף דער פאָרזי-צענדער פריהער אויף נעהמען דאַס אַמענדמענט און עס פאָרלעגען צור אבשטימונג. איז דאס אמענדמענט דורך געפאַלען, דאס הייסט, מען האט געשטימט געגען איהם, נעהמט דער פרעזידענט אויף דעם אָריגינאַל פאָרשלאַג און לעגט איהם פאָר צור אבשטימונג. דאס זעלבע איז מיט אן אַמענדמענט צו אן אַמענדמענט. צו ערשט נעהמט מען פאָר דאס אַמענדמענט צום אַמענדמענט צור

אבשטימונג. ווערט ער אנגענומען, פאלט שוין דאס ערשטע אַמענדמענט אַליין אָפּ, פאללט עס דורך, ווערט דאס אַמענדמענט אויף גענומען צור אבשטימונג.

90. ווען מען מאַכט אַ פּאָרשלאג אוים צו שטרייכען אָדער אַרוים צו וואַרפען געוויכע ווערטער פון אַ פּאָרשלאַג, דאַרף מען, ווען מען לעגט פאַר דאס אַמענדמענט פאַר דער פערזאמלונג, צו ערשט פּאָרלעזען דעם פּאָרשלאג וויא ער איז געמאַכט געוואָרען פון פּאָרשלעגער, דאן דיא ווערטער, וועלכע דאַרפען אוים געשטרייכען ווערן, דאן דעם פּאָרשלאַג, וויא ער וועט לויטען, ווען מען וועט אוים שטרייכען דיעזע ווערטער.

7. אבטהיילונג.

אמענדמענט צו צוזעצען ווערטער צו א פּאָרשלאַג.

91. ווען אַן אמענדמענט, מען זאָל צו זעצען אָדער ז'ו שטעלען געוויסע ווערטער צו אַ פּאָרשלאַג, איז דורך געפאַלען, דאס הייסט, מען האָט געשטימט געגען איהם, קען מען מעהר ניט מאַכען אן אמענדמענט, מען זאָל צו זעצען אָדער צו שטעלען דיעזעלבע ווערטער אָדער אַ טהייל פון דיעזעלבע ווערטער; מען קען אָבער מאַכען אן אמענדמענט, מען זאָל צו זעצען אָדער צו שטעלען דיעזעלבע ווערטער מיט נאָך אַנדערע ווערטער, אָדער אַ טהייל פון דיעזע ווערטער מיט נאך אַנדערע ווערטער,

אָבער נור דאַן ווען דער אינהאַלט און דער זינן פון דעם פאָר־
שלאַג ערלויבען עס.

92. ווען דאָס אַמענדעמענט צו צוזעצען אָדער צושטע־
לען געוויסע ווערטער איז אָנגענומען געוואָרען : די פערזאַמ־
לונג האָט געשטימט דאַפיר, קען מען ניט מאַכען א נייעס
אַמענדעמענט אויסצושטרייכען דיזעלבע ווערטער אָדער אַ
טהייל פון זיי ; מען קען אָבער מאַכען אַן אַמענדעמענט, מען
זאָל אויסשטרייכען, אַרויסוואַרפען דיזע ווערטער מיט נאָך
אַנדערע, אָדער אַרויסצואוואַרפען א טהייל פון דיזע ווערטער
מיט נאָך אַנדערע ווערטער פון פאָרשלאַג, — זעלבסטפער־
שטענדליך נור דאַן, ווען דאָס אַרויסוואַרפען פון דיזע ווער־
טער וועט ניט ענדערען דעם גאַנצען אינהאַלט, דעם זינן פון
דעם אָריגינאַל פאָרשלאַג.

93. ווען עס איז געמאַכט געוואָרען אַן אַמענדעמענט צו
צוזעצען אָדער צו צושטעלען געוויסע ווערטער, — דאַרפען די
מיטגליעדער, וועלכע ווילען מאַכען אַן אַמענדעמענט צו דיע־
זען אַמענדעמענט, איהם מאַכען, איידער דאָס אַמענדעמענט
איז פאָרגעלעגט געוואָרען צור אַבשטימונג, ווייל ווען דאָס
אַמענדעמענט וועט ניט אָנגענומען ווערען, קען מען עס וויעדער
ניט פאָרשלאָגען, וועט עס אָבער יאָ אָנגענומען ווערען, קען מען
שוין קיין אַמענדעמענט דערצו ניט מאַכען.

94. ווען מען מאַכט אַן אמענדמענט צו צוזעצען אָדער צו צושטעלען ווערטער צו אַ פּאָרשלאַג, דאַרף מען ביים פּאָרלעגען דיעזעס אַמענדמענט צור אפשטימונג צו ערשט פּאָרלעזען דעם אָריגינאַל פּאָרשלאַג, דען דיא ווער-טער, וועלכע מען וויל צו שטעלען אָדער צו זעצען, דאַן וויעדער דעם גאַנצען פּאָרשלאַג מיט דיא צו געזעצטע אָדער צו געשטעלטע ווערטער.

95. אַלע רעגעלן, וועלכע דאַרפען בעאָבאַכטעט ווערן בייא אַן אַמענדמענט אויס צו שטרייכען געוויסע ווערטער, אָדער צו צוזעצען געוויסע ווערטער צו אַ פּאָר-שלאַג, דאַרפען אפּגעהיט ווערן און אויס געפאָלגט ווערן בייא אַן אַמענדמענט אויס צו שטרייכען געוויסע ווערטער און אויף זייער אָרט ארייןצושטעלען אָדער צו צוזעצען אַנדערע ווערטער.

8. אַבטהיילונג.

אמענדמענטס וועלכע ענדערן דעם פּאָרשלאַג.

96. דיא וואַהרע בעדייטונג פון דעם וואָרט אַמענד-מענט איז: אַן ענדערונג אין פּאָרשלאַג, וועלכע מאַכט איהם בעסער, קורץ, אַן אויסבעסערונג פון דעם פּאָר-שלאַג. אויסבעסערן אַ פּאָרשלאַג קען מען דערמיט, וואָס מען מאַכט איהם דייטליכער, קלערער, בעשטימטער, אָדער מען מאַכט איהם שטאַרקער, מען ענדערט איהם

אזוי, אז ער זאָל בעסער, זיכערער, דערגרייכען דאָס, וואָס ער ווערט מיט איהם בעצוועקט. מען קען אלזאָ מיינען, אז ווער עס מאַכט אַן אַמענדמענט צו אַ פאָרשלאַג, דער איז געוויס איינפערשטאַנען מיט'ן פאָרשלאַג, און ער וויל, אז דער פאָר־שלאַג זאָל אָנגענומען ווערען. דאָס איז אָבער ניט אזוי, ווען אַ פאָרשלאַג איז אונטערשטיצט און פאָרגעלעגט פאַר דער פער־זאַמלונג, געהערט ער שוין דער פערזאַמלונג, וועלכע קען מאַ־כען פון איהם וואָס זי וויל און איהם איבערמאַכען ווי זי וויל.

97. עס קומט דערפון ארויס, אז מען קען מאַכען אזאַ אַמענדמענט צום פאָרשלאַג, וועלכע ענדערט אין גאַנצען דעם פאָרשלאַג, אָדער זאָגאַר אז דאָס אַמענדמענט זאָל האָבען אזאַ זינן, וועלכער איז גאַר געגען דעם פאָרשלאַג, און עס קען דאַ־הער אויסקומען, אז די פריינד פון אַ פאָרשלאַג זאָלען זיין גע־צוואונגען צו שטימען געגען דעם פאָרשלאַג אין זיין אויסגע־בעסערטע, אַמענדירטע פאָרם.

98. מען געברויכט אָפט אַזעלכע אַמענדמענטס אום צו פערניכטען אַ פאָרשלאַג צו מאַכען, אז ער זאָל ניט אָנגענומען ווערען. מען מאַכט אַבזיכטליך אזאַ אַמענדמענט אום צו בע־וויזען, אז דער פאָרשלאַג קען פיהרען צו אונאַנגענעהמליכ־קייטען, שטרייטיגקייטען, אָדער ער קען ברענגען שאַדען.

10טעם קאַפּיטעל

איבער פראַגען און אין וועלכער אָרדנונג מען קען זיי שטעלען.

99. עס איז אַ פעסטגעזעצטע רעגעל, אַז ווען אַ פאָרשלאַג איז געמאַכט, אונטערשטיצט און פאָרגעלעגט פאַר דער פערזאמלונג, קען מען קיין אַנדער פאָרשלאַג אָדער אַנטראַג ניט מאַכען, ביז די פערהאַנדלונג איבער דיעזען פאָרשלאַג איז געענדיגט, ביז מען האָט אָפּגעשטימט, אויב מען נעהמט איהם אָן אָדער ניט. מען מעג אָבער פערהאַנדלען אויך וועגען אַנדערע זאַכען אין פאָלגענדע פעללע: ערשטענס, ווען מען שטעלט אַ בעפאָרצוגטע פראַגע (Privileged question), — אַזאַ פראַגע, וועלכע מען מוז בעאַנטוואָרטען פאַר אַנדערע פראַגען, זי איז אַ פריוויליגירטע פראַגע. צווייטענס, דורך אַן ערזאַץ־פאָרשלאַג. דריטענס, אַ צופאַלס פראַגע, אָדער אַ צופאַלס אַנטראַג.

100. אין אַלע דיעזע דריי פעללע לעגט מען אַוועק דעם הויפט פאָרשלאַג אָדער דעם אָריגינאַל פאָרשלאַג און מען בעשעפטיגט זיך פריהער מיט דיעזע פראַגען. אייניגע פון דיעזע פראַגען בעריהרען ניט דעם פאָרשלאַג, מען דאַרף זיי נור בעאַנטוואָרטען אָדער ערקלעהרען, און ווען זיי זיינען בעאַנטוואָרטעט אָדער ערקלעהרט, מוז מען זיך ווידער בעשעפטיגען מיט דעם פאָרשלאַג; אַנדערע אָבער האָבען אַזאַ כאַראַקטער, אַז

ווען מען בעאַנטוואָרטעט זיי מיט „יאָ" אָדער מיט „ניין", קען דער גאַנצער פאָרשלאַג אווקפאַלען, ער קען שוין מעהר ניט אָנגענומען ווערען, ווי מיר ווילען עס ערקלעהרען אין פאָל־גענדע פאַראַגראַפען.

1טע אַבטהיילונג.

בעפאָרצוגטע פראַגען (Privileged questions), פריווילעגירטע פראַגען.

101. עס זיינען דאָ געוויסע פראַגען, וועלכע זיינען אַזוי וויכטיג, אַז מען מוז זיי באַלד בעאַנטוואָרטען, ערקלעהרען אָדער איבער זיי שטימען דורך אַ וואוט, דורך אַבשטימונג, איי־דער מען קען פערהאַנדלען איבער דעם געמאַכטען פאָרשלאַג. דיעזע אַרט פראַגען זיינען דריי: ערשטענס, אַן אַנטראַג אָפ־צולעגען, צו פערטאַגען, דעם פאָרשלאַג. צווייטענס, אַ פראַגע, אויב די פערזאַמלונג, האָט גאָר דאָס רעכט אָנצונעהמען דעם פאָרשלאַג, אָדער אויב דער פאָרשלעגער האָט דאָס רעכט צו מאַכען אַזאַ פאָרשלאַג. דריטענס, אַן אָרדנונגס פראַגע.

פערטאַגען, אָפלעגען אַ פאָרשלאַג.

102. אַן אַנטראַג אָפצולעגען אַ פאָרשלאַג, מוז פאָר־גענומען ווערען פאַר אַלע אַנדערע פערהאַנדלונגען. דער צוועק פון דיעזען אַנטראַג איז, ניט צו דערלאָזען, אַז מען זאָל אָפהאַל־טען די פערזאַמלונג שטונדען לאַנג און די פערזאַמעלטע זאָלען

מוזען בלייבען זיצען געגען זייער וויללען. דיעזער אַנטראַג איז אָבער נור דאַן אַ בעפאָרצוגטע פראַגע, אַ פריוויליגירטע פראַגע, און מוז באַלד פערהאַנדעלט ווערען, ווען מען שטעלט דעם אַנטראַג, אַז מען זאָל אָפּלעגען דעם פאָרשלאַג און מען זאָגט ניט, ביז ווען מען זאָל איהם אָפּלעגען אָדער אויף ווי לאַנג מען זאָל איהם אָפּלעגען. איבער אַזאַ פאָרשלאַג קען מען ניט דעבאַטירען, און מען קען צו איהם קיין אַמענדמענט ניט מאַכען. ווען עס ליעגט אָבער קיין פאָרשלאַג פאַר דער פערזאַמלונג און מען מאַכט אַ פאָרשלאַג אָפּצולעגען די פערזאַמלונג, קען מען בעשטימען אַ צייט, מען קען אויך דעבאַטירען דאַריבער, און מען קען מאַכען אַן אַמענדמענט צו אַ פאָרשלאַג, ווייל אין אַזאַ פאַל הייסט דער פאָרשלאַג קיין פריוויליגירטע פראַגע, זאָנדערן ער איז אַ געוועהנליכער פאָרשלאַג.

103. אַ פאָרשלאַג אָפּצולעגען די פערזאַמלונג הייסט אָפּצולעגען די זיצונג אויף אַן אַנדער טאָג, אָדער אויף אַן אַנדער צייט, אין וועלכע די מיטגליעדער פערזאַמלען זיך געוועהנליך, אָדער מען בעשטימט געגוי דעם טאָג, ווען מען וועט זיך וויעדער פערזאַמלען.

104. ווען מען שליעסט אַ פערזאַמלונג מיט דער ערקלעהרונג, אַז די פערזאַמלונג איז געשלאָסען אָהן אַ בעשטימטען טאָג, ווען מען וועט זיך וויעדער פערזאַמלען, אָדער ווי

מען רופט עס פאַרלאַמענטאַריש Sine die — הייסט עס, אַז די אָרגאַניזאַציאָן האָט זיך אויפגעלעזט און עקסיסטירט ניט מעהר. — דאָס קומט פאָר בעזאָנדערס ביי פאַרלאַמענטען, אַסעמבלים און דאָס גלייכען, וועלכע האַלטען זייער לעצטע פערזאַמלונג, ווייל דער טערמין פון די פערזאַמעלטע ענדיגט זיך. מען וועט שוין וועהלען נייע מיטגליעדער. עס קען אָבער אויך פאָרקומען ביי פרייע, בעראַטהענדע אָרגאַניזאַציאָנען.

105. ווען אַ פאָרשלאַג איז געמאַכט געוואָרען און מען האָט איהם אונטערבראָכען דורך אַ פאָרשלאַג אָפצולעגען די פערזאַמלונג, הייסט עס, אַז דער אָריגינאַל פאָרשלאַג איז אין גאַנצען אַוועקגענומען פון דער פערזאַמלונג, אַז די פערזאַמלונג האָט שוין מעהר ניט וואָס צו טהאָן מיט דיעזען פאָרשלאַג. ווען מען וויל דיעזען אָריגינאַל פאָרשלאַג וויעדער אריינברענגען אין דער נעכסטער פערזאַמלונג, מוז מען איהם שוין פאָרברענגען אַלס גאַנץ נייעם פאָרשלאַג.

רעכטס פראַגען (**Questions of Privileges**).

106. עס זיינען דאָ פראַגען, וועלכע מוזען בעאַנטוואָרטעט ווערען פאָר אַלע אַנדערע פראַגען און פאָרשלעגע, אויסער אַן אַנטראַג אָפצולעגען די פערזאַמלונג, אָדער צו שליעסען די פערזאַמלונג. דיעזע פראַגען זיינען ר ע כ ט ס פ ר אַ ג ע ן , — דאָס הייסט, ווען מען שטעלט אַ פראַגע, אויב די

פערזאַמעלטע מיטגליעדער האָבען דאָס רעכט צו פערהאַנדלען איבער אַ געוויסען געגענשטאַנד, אָדער אויב אַ געוויסעס מיטגליעד האָט דאָס רעכט צו שטעלען אַ געוויסען אַנטראַג, אָדער ווען די פערהאַנדלונגען ווערען געשטערט דורך מיט־גליעדער אָדער דורך פרעמדע, און עס ווערט געשטעלט די פראַגע, אויב דיעזע מענשען האָבען דאָס רעכט צו שטערען די פערזאַמלונג, אָדער ווען צוויי מיטגליעדער צוקריעגען זיך און שטערען די פערהאַנדלונגען, און עס ווערט געשטעלט די פראַ־גע, מיט וועלכען רעכט דיעזע מיטגליעדער אונטערברעכען די פערזאַמלונג. אַלע דיעזע פראַגען מוזען בעאַנטוואָרטעט ווערען פאַר אַלע איבעריגע פאָרשלעגע, אַנטרעגע און פראַגען. ערשט ווען דיעזע פראַגען זיינען בעאַנטוואָרטעט, קען מען ווידער פאָרנעהמען דעם אָריגינאַל פאָרשלאַג און איהם פער־האַנדלען.

טאַגעס־אָרדנונג.

107. אום ריכטיגער, גענויער און פינקטליכער צו פער־האַנדלען אַלע געשעפטען, וועלכע די פערזאַמלונג האָט צו ער־לעדיגען, איז עס אָנגענומען, אַז איידער מען עפענט די פער־זאַמלונג, אָדער באַלד ווי מען עפענט זי, צו מאַכען אַ טאַגעס־אָרדנונג, דאָס הייסט, אויסשטעלען אויף אַ ליסטע אַלע גע־שעפטען, וועלכע מען דאַרף פערהאַנדלען, און אין וועלכער

אָרדנונג מען זאָל זיי פערהאַנדלען, וועלכע געשעפטען מען זאָל ערלעדיגען פריהער און וועלכע שפּעטער.

ווען אַ פערזאַמלונג דויערט עטליכע טעג, ווי צום ביי־שפּיעל, אַ קאָנווענציאָן, ווערט געמאַכט אַ טאַגעס־אָרדנונג פאַר יעדען טאָג; עס ווערט בעשטימט, אַז אין דעם ערשטען טאָג זאָל מען פערהאַנדלען און ערלעדיגען דיעזע און דיעזע געשעפטען אין דיעזער אָרדנונג: נומער 1 — דאָס ערשטע געשעפט זאָל זיין דאָס און דאָס. נומער 2 — דאָס צווייטע גע־שעפט זאָל זיין דאָס און דאָס, און זאָ ווייטער.

108. ווען אַ געשעפט אָדער אַ פראַגע איז בעשטימט און פעסטגעזעצט פאַר אַ געוויסען טאָג, הייסט דיעזעס געשעפט אָדער דיעזע פראַגע די רעכטס־פראַגע פון דיעזען טאָג. דאָס הייסט, ווען מען הייבט אָן אין דיעזען טאָג צו פערהאַנדלען אַנדערע געשעפטען, קען אַ מיטגליעד אויפשטעהן און פרעגען, מיט וואָס פאַר אַ רעכט פערהאַנדעלט מען וועגען אַ נייעם גע־שעפט, ווען אַן אַנדער געשעפט איז פעסטגעזעצט אויפ'ן טאַ־געס אָרדנונג? און דיעזע פראַגע מוז בעאַנטוואָרטעט ווערען פאַר אַלע אַנדערע פראַגען און פאָרשלעגע, ווייל זי איז אַ רעכטס־פראַגע (Question of Privilege).

109. אָבער אַזוי ווי מען בעשטימט געוועהנליך אויף אַ

געוויסען טאָג עטליכע געשעפטען, מוז דער אַנטראַג פון דער רעכטס פראַגע הייסען : מען זאָל איבערגעהן צו דער טאַגעס־אָרדנונג, דאָס הייסט, מען זאָל פערהאַנדלען די געשעפטען איינס נאָכ'ן אַנדערען, ווי זיי זיינען פערצייכענט אויף דער טאַגעס אָרדנונג. מען קען אָבער ניט מאַכען אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל נור אַ געוויסעס געשעפט פערהאַנדלען פריהער.

110. ווען עס איז געמאַכט געוואָרען אַ פאָרשלאַג איבער אַ געגענשטאַנד, וועלכער געפינט זיך ניט אויף דעם טאַגעס־אָרדנונג, און אַ מיטגליעד האָט געשטעלט דעם אַנטראַג, אַז מען זאָל איבערגעהן צו דער טאַגעס־אָרדנונג, און דיעזער אַנ־טראַג איז אָנגענומען געוואָרען, הייסט עס, אַז דער אָריגי־נאַל פאָרשלאַג איז גאָר ניט געמאַכט געוואָרען, ער איז אין גאַנצען ארויסגענומען געוואָרען פון דער פערזאַמלונג. וויל מען אָבער דאָך מאַכען דיעזען פאָרשלאַג, מוז מען אין זיין צייט מאַכען אַ גאַנץ נייעם פאָרשלאַג, וועלכער מוז אויף דאָס נייע אונטערשטיטצט ווערען.

111. געפינט אָבער די פערזאַמלונג, אַז דער פאָרשלאַג איז יאַ אין אָרדנונג, הייסט עס אַלזאָ, אַז דיעזער פאָרשלאַג געהערט יאַ צור טאַגעס־אָרדנונג, אָדער אַז זי וויל ניט אַנער־קענען דעם טאַגעס אָרדנונג, דאַן מוז דיעזער פאָרשלאַג צו־ערשט אויפגענומען און ערלעדיגט ווערען.

‏112. ווען מען מאכט א טאגעס אָרדנונג און מען בעשטימט געוויסע געשעפטע, וועלכע זאָלען ערלעדיגט ווערן אַ געוויסען טאג, עס האָט זיך אָבער געמאכט, אַז מען האט אין דעם טאָג ניט געקענט ערלעדיגען אַלע געשעפטען, בלייבען דיא ניט ערלעדיגטע געשעפטען פון דיעזען טאג אַלס געשעפטע פון דער טאַגעס אָרדנונג פון נעכסטען טאג אָדער פון דער נעכסטער זיצונג.

2. אַבטהיילונג.

צופאלס פראגען.

‏113. צופאַלס פראַגען זיינען פראַגען, וועלכע ענט-שטעהען צופעליגער ווייזע פון אַנדערע פראַגען און דאַ-רום מוז מען זיי בעאַנטוואָרטען פריהער, איידער מען בעאַנטוואָרט דיא אָריגינאַל פראַגען. אַזעלכע פראַגען זיי-נען: 1טענס, אַן אָרדנונגס פראַגע; 2טענס, אַן אַנטראַג, מען זאָל פאַרלעזען געוויסע דאָקומענטען אָדער צושריפ-טען, וועלכע געהערען צו דער אָריגינאַל פראַגע. 3טענס, אַ ביטע אום ערלויבניס צוריק צו ציעהען, צוריק צו נעה-מען אַ פאָרשלאַג. 4טענס, אַן אַנטראַג, מען זאָל צוריק רופען אָדער סוספענדירען אַ געוויסע רעגעל. 5טענס, אַן אמענדמענט צו אַן אַמענדמענט.

אָרדנונגס פראַגען.

‏114. עס איז דיא פפליכט פון דעם פאָרזיצענדען

אָדער פרעזידענט שטרענג צו בעאָבאַכטען און אָפּצוהי-
טען אלע רעגעלען, געזעצע און אָרדנונג פון דער אָרגאַ-
ניזאציאָן, איבער וועלכער ער איז פּאָרזיצענדער. קוים גע-
פינט ער, אז א מיטגליעד האנדעלט געגען דיא רעגעלען
און אָרדנונג פון דער אָרגאניזאַציאָן, דארף ער איהם באלד
אונטערברעכען, אָהנע דעבאַטע און אָהנע אָפּצולעגען עס
אויף שפּעטער. געפינט אַ מיטגליעד, אַז עס ווערט גע-
האַנדעלט געגען דיא רעגעלן און דיא אָרדנונג פון דער
אָרגאַניזאציאָן, האט ער דאס רעכט צו פאָרדערן, אַז
דיעזע רעגעלען און דיעזע אָרדנונג זאָלען שטרענג אויס-
געפיהרט ווערן.

115. וויא געזאָגט, מוזען אַלע רעגעלן, געזעצע און
פעראָרדנונגען פון דער אָרגאַניזאַציאן שטרענג אויסגע-
פיהרט ווערן, עס קען אבער ענטשטעהן אַ פראַגע, אויב
דיעזע אָדער יענע האַנדלונג אדער אויב דיעזער אָדער
יענער פאָרשלאג, איז געגען דיא רעגעלן, געזעצע און
פעראָרדנונג פון דער אָרגאניזאציאָן אָדער ניט. א זעלכע
פראגען הייסען אָרדנונגס פראַגען און ווען זיי ווערן גע-
שטעלט, מוז מען זיי בעאנטוואָרטען פאר אלע אנדערע
פראגען און פארשלעגע.

116. איז געשטעלט געווארען אן אנטראג און מען
האט געגען איהם געשטעלט אן אָרדנונגס פראגע, קען
מען שוין איבער דעם אנטראג ניט פערהאנדלען, ביז

עס ווערט ענטשיעדען, אויב די אָרדנונגס פראַגע איז ריכטיג. געפינט דער פאָרזיצענדער אָדער די פערזאַמלונג, אַז די אָרד־נונגס־פראַגע איז ריכטיג, פאַלט דער פאָרשלאַג פון זיך אַליין. ווערט אָבער ענטשיעדען, אַז די אָרדנונגס פראַגע איז ניט ריכ־טיג — בלייבט דער פאָרשלאַג שטעהן און דאַרף פערהאַנדעלט ווערען.

117. איבער אַן אָרדנונגס פראַגע קען ניט דעבאַטירט ווערען אָדער פערהאַנדעלט ווערען. ווען אַן אָרדנונגס פראַגע איז געשטעלט, דאַרף דער פאָרזיצענדער ענטשיידען, אויב זי איז ריכטיג אָדער ניט. געפינט אָבער אַ מיטגליעד, אַז דער פאָרזיצענדער האָט ניט ריכטיג ענטשיעדען דיעזע פראַגע, — האָט ער דאָס רעכט צו אַפּעלרען צו דער פערזאַמלונג. דאַן ענטשיידעט די גאַנצע פערזאַמלונג, אויב די אָרדנונגס פראַגע איז ריכטיג אָדער ניט. עס הייסט דאַן: אַן אַפּעלאַציאָן גע־גען די ענטשיידונג פון ט ש ע ר. דער פאָרזיצענדער ווענ־דעט זיך דאַן צו דער פערזאַמלונג און פרעגט: „זאָל די ענט־שיידונג פון טשער בלייבען שטעהן, גלייך ווי זי וואָלט געווען די ענטשיידונג פון דער גאַנצער פערזאַמלונג?“ — איבער דיע־זע פראַגע קען דעבאַטירט ווערען און פערהאַנדעלט ווערען, ווי איבער יעדע פראַגע, מיט דער אויסנאַהמע, אַז אין אַזאַ פאַל קען דער פרעזידענט אויך טהייל נעהמען אין דער דעבאַטע,

אין אַנדערע פראַגען אָבער קען דער פּרעזידענט קיין אנטהייל נעהמען אין די דעבאַטען.

פּאָרלעזען פון דאָקומענטען און צושריפטען.

118. עס איז אַן אַלגעמיינער רעגעל און יעדער קען פּערשטעהן, ווי וויכטיג עס איז, אַז יעדעס מיטגליעד פון אַ בעראַטהענדער פערזאַמלונג האָט דאָס רעכט צו פערלאַנגען, אַז די דאָקומענטען און פּאַפּיערען, וועלכע קומען אריין אין דער פערזאַמלונג און בעציהען זיך אויף דער פערזאַמלונג, זאָלען פּאָרגעלעזען ווערען, אום מען זאָל קענען דעבאַטירען איבער זיי. פּאָלגליך, ווען עס ווערט געשטעלט אַן אַנטראַג, אַז מען זאָל פּאָרלעזען געוויסע פּאַפּיערען אָדער דאָקומענטען, וועלכע בעציהען זיך אויף אַ געוויסע פראַגע, — מוז דיעזער אַנטראַג אָנגענומען ווערען אָהנע דעבאַטען און דיעזע דאָקומענטען מוזען פּאָרגעלעזען ווערען, איידער מען הייבט אָן צו פערהאַנדלען איבער דעם אָריגינאַל פּאָרשלאַג אָדער אָריגינאַל פראַגע. דער פּרעזידענט הייסט דאַן דעם סעקרעטער פּאָרלעזען דיעזע פּאַפּיערען.

119. קיין מיטגליעד האָט אָבער דאָס רעכט צו לעזען די פּאַפּיערען און דאָקומענטען פון דער אָרגאַניזאַציאָן אָדער נאָכצוזעהען די ביכער פון דער אָרגאַניזאַציאָן אָהנע ערלויבנים פון דער פערזאַמלונג. אין אַזאַ פאַל מוז געמאַכט ווערען אַ

פאָרשלאַג, אַז דיעזער מעמבער זאָל לעזען דיעזע דאָקומענטען, אָדער נאָכזועהען דיעזע ביכער. דיעזער פאָרשלאַג ווערט פער־האַנדעלט ווי יעדער אַנדער פאָרשלאַג. דיעזע רעגעל איז גע־מאַכט געוואָרען אום ניט צו שטערען די פערהאַנדלונג דורך צופיעל לעזען פון דאָקומענטען. און דאַרום ווען אַ מיטגליעד פאָדערט, אַז מען זאָל פאָרלעזען אַ בעזאָנדערען דאָקומענט, אָדער אַ געוויסעם פאַפּיער, ווייל ער אַליין וויל זיך ערקונדיגען איבער אַ געוויסע פראַגע, מוז ער האָבען דערצו די ערלויב־נים פון דער פערזאַמלונג.

120. דער פרעזידענט קען אָבער ערלויבען, אַז מען זאָל פאָרלעזען אַ געוויסען דאָקומענט, ווען ער זעהט איין, אַז דער מעמבער וויל ווירקליך וויסען, וואָס עס איז געשריעבען אין דיעזען דאָקומענט און זוכט ניט צו פערציהען די פערהאַנדלונג אָדער זי צו שטערען. די מיטגליעדער קענען אָבער מאַכען אַן איינווענדונג, אָבדזשעקטען, דיעזע ערלויבנים פון פרעזידענט, דאַן מוז דער מעמבער, וועלכער וויל הערען פאָרלעזען דעם דאָ־קומענט, בעטען אום ערלויבנים ביי דער גאַנצער פערזאַמלונג, און געוועהנליך ערלויבט עס אויך די פערזאַמלונג, אויסער ווען זי איז איבערצייגט, אַז מען פאָדערט דאָס פאָרלעזען פון דעם דאָקומענט אום צו פערשלעפּען די פערהאַנדלונג אָדער זי צו שטערען.

121. ווען מען געפינט זיך אין אַ דעבאַטע איבער אַ געוויסען פּאָרשלאג אדער איבער אַ פראגע און אַ מעמבער פאָרדערט, אז מען זאל פערלעזען אַ דאָקומענט, וועלכער בעציעהט זיך אויף דיעזע פראַגע, מוז דיעזער אנטראג אנגענומען ווערן אָהנע דעבאַטע און דאס דאָ-קומענט דארף פערלעזען ווערן.

צוריק ציעהען אַ פארשלאג.

122. ווען א פארשלאג איז געמאכט, אונטער-שטיצט און פארגעלעגט פאר דער פערזאמלונג, געהערט ער שוין דער פערזאמלונג און קען מעהר ניט צוריק גע-נומען ווערן. וויל אבער דער פארשלעגער ענדערן זיין פארשלאג, אדער מאכען אנאנדער פארשלאג, א בעסערן אויף דעם ארט פון דעם ערשטען פארשלאג, מוז ער האבען דערצו דיא ערלויבנים פון דער פערזאמלונג. ערלויבט עס איהם דער פרעזידענט און קיינער פון דיא מיטגליעדער שטעלט זיך ניט דאגעגען, מעג ער באַלד מאכען זיין נייעם פארשלאג, שטעלט זיך אבער אַ מיט-גליעד דאגעגען און מאכט אן איינוואנד, „אן אבזשעקשען", דאן מוז געמאכט ווערן אַ פארשלאג, מען זאל ערלוי-בען דעם פארשלעגער צוריק צו נעהמען זיין פארשלאג, און איהם צו ענדערן. דיעזער פארשלאג מוז אונטערשטיצט ווערן און פערהאנדעלט ווערן, וויא יעדער פארשלאג.

123. ווערט דיעזער פאָרשלאַג אָפּגעשטימט מיט יאַ, הייסט עס, אז דער אָריגינאַל פאָרשלאַג איז גאָר ניט געמאַכט געוואָרען, ער איז אַוועק גענומען פון דער פערזאַמלונג און דער פאָרשלעגער מאַכט אַ גאַנץ נייעם פאָרשלאַג. ווערט אבער דער פאָרשלאג, מען זאָל ער־לויבען דעם פאָרשלעגער צוריק צו נעהמען זיין פאָרשלאַג, אפּגעשטימט מיט ניין, בלייבט דער אָריגינאַל פאָרשלאַג און דאַרף ווייטער פערהאַנדעלט ווערן.

צוריק רופען אָדער סוספענדירען אַ רעגעל.

124. ווען דיא פערזאַמלונג געפינט אַ געוויסען פאָרשלאַג אָדער אַנטראַג פאַר גוט און וויכטיג און וויל איהם אננעהמען, זיא קען עס אָבער ניט טאהן. וויל עס געפינט זיך אַ געוויסע רעגעל אָדער אַ געוויסע פער־אָרדנונג, וועלכע איז געגען דיעזען פאָרשלאַג, איז עס אָנגענומען אין אַמעריקאַ, אַז מען זאָל ענטוועדער אין גאַנצען אָפּשאַפען דיעזע רעגעל, אָדער מען זאָל זיא סוספענדירען, דאס הייסט, אָפּשאַפען פאַר אַ געוויסע צייט, „רעקאָנסידערן.“ דאס קען אָבער געשעהן נור דורך אַ פאָרשלאַג אָפּצושאַפען דיעזע רעגעל, זיא צו „רעקאָנ־סידערן“, אָדער זיא צו סוספענדירען. אין אַזאַ פאַל מוז פריהער געשטעלט ווערן דער אַנטראַג צו „רעקאָנסידערן“, אָדער צו סוספענדירען דיא רעגעל, און ווען דיעזער

אַנטראָג איז אונטערשטיצט און אפגעשטימט מיט י״אַ, קען ערשט געשטעלט ווערן דער אָריגינאַל פּאָרשלאַג, וועלכער איז געגען דיזע רעגעל.

125. אין פיעלע אָרגאַניזאַציאָנען איז אנגענומען געוואָרען, אַז ווען צוויא דריטעל פון דיא פערזאַמעלטע מיטגליעדער שטימען, אַז מען זאָל אָפּשאַפען אָדער סוס־פּענדירען אַ געוויסע רעגעל, איז זיא אָפּגעשאַפט אָדער סוספּענדירט. אַזא רעגעל מוז אבער שטעהן אויסדריקליך אין דיא קאָנסטיטושאָן אָדער געזעצע פון דער אָרגאַני־זאַציאָן. געפינט זיך אבער אזא רעגעל נ י ט אין דער קאָנסטיטושאָן אדער געזעצע פון דער ארגאניזאציאן, מוז דער פארשלאג אפצושאפען אדער צו סוספענדירען א געוויסע רעגעל אנגענומען ווערן א י י נ ש ט י מ י ג פון אַלע מיטגליעדער פון דער פערזאַמלונג, און קוים שטימט איין מיטגליעד דאגעגען, ווערט דיזער פּאָרשלאַג ניט אנגענומען.

אַ מ ע נ ד מ ע נ ט צ ו א ן א מ ע נ ד מ ע נ ט.

126. וויא עס איז שוין פריהער ערקלערט געוואָ־רען, איז אן אמענדמענט צו אן אמענדמענט אַ צופאלס פראגע און מוז דאהער ערלעדיגט ווערן, דאָס הייסט, אפגעשטימט ווערן פאר אלע אנדערע פראגען און פּאָר־שלעגע אין דיזער אנגעלעגענהייט.

ערזאַץ פראגען.

127. וויא עס איז שוין פריהער ערקלערט געוואָרען, דיענען דיא ערזאַץ פראגען אָדער דיא ערזאַץ פארשלעגע ענטוועדער צו פערניכטען א פארשלאג, צו מאכען, אז ער זאל גאר ניט אנגענומען ווערן, אדער אים געגענטהייל צו מאַכען, אז דיא פערזאמלונג זאל באלד ענטשיידען דעם אריגינאל פארשלאג דורך אבשטימונג.

128. דיעזע ערזאַץ פראגען זיינען: 1טענס, אַן אנטראג צו לעגען דעם פארשלאג אויפ'ן טיש. 2טענס, דיא פאָרפראגע, אדער דיא אריגינאל פראגע. 3טענס, אפצולעגען דעם פארשלאג אויף א בעשטימטע אדער אונבעשטימטע צייט. 4טענס, איבער צו געבען דעם פארשלאג צו אַ קאמיטע. 5טענס, אַן אמענדמענט.

129. עס איז אַן אלגעמיינע רעגעל, וועלכע יעדער מוז צו געבען, אז ווען איינע פון דיעזע ערזאַץ פראגען איז געשטעלט און אנגענומען געווארען, קען מען דיא אנדערע ניט שטעלען. זא צום ביישפיעל, ווען עס איז אנגענומען געווארען, אז מען זאל איבערגעבען אַ פארשלאג צו אַ קאמיטע, קען מען שוין ניט מאכען אַן אמענדמענט צו דיעזען פארשלאג. דער געזונדער מענשען פערשטאנד, דער שכל הישר, זאגט, אז קוים איז אַ פארשלאג איבער געגעבען געווארען צו א קאמיטע, געהערט

ער שוין דעם קאָמיטע און מען קען ניט מאַכען אן אַמענדמענט צו איהם פאַר דער גאַנצער פערזאַמלונג. דאס זעלבע קען מען זאָגען, ווען אן אַמענדמענט איז אָנגענומען געוואָרען, קען מען שוין ניט שטעלען דעם אַנטראַג, אַז מען זאָל איבערגעבען דעם פאָרשלאַג צו אַ קאָמיטע, ווייל ווען מען נעהמט אן דאס אַמענדמענט, הייסט עס, אַז מען איז איינפערשטאַנען מיט דעם אָרי-גינאַל פאָרשלאַג, אָבער ניט אין דער פאָרם, וויא ער איז געמאַכט געוואָרען, אַלזאָ קען מען דאָך ניט שטע-לען אן אנטראַג, מען זאָל איבערגעבען דעם פאָרשלאַג צו אַ קאָמיטע, מען קען אבער שטעלען אן אַנטראַג, מען זאָל איבער געבען דאס אמענדמענט צו אַ קאָמיטע.

130. דיעזע רעגעל האט אבער אן אויסנאַהמע אין דיעזער בעציעהונג, אַז אַלע דיעזע ערזאַץ פראַגען קענען אַמענדירט ווערן, מען קען מאַכען אן אַמענדמענט צו זיי. זאָ צום ביישפיעל, ווען עס איז געשטעלט גע-וואָרען אַן אנטראַג, מען זאָל אָפּלעגען אַ פארשלאג, קען מען מאַכען אן אמענדמענט, מען זאָל אפּלעגען דעם פארשלאַג אויף אַ געוויסען טאג און זאָגאר אויף אַ גע-וויסע שטונדע. איז געשטעלט געוואָרען אן אַנטראג, מען זאָל איבער געבען אַ פארשלאג צו אַ קאמיטע, קען מען מאַכען אן אמענדמענט, אַז נור אַ טהייל פון דעם פאָרשלאַג,

אַ געוויסער פּאַראגראַף פון דעם פּאָרשלאג, זאל איבער געגעבען ווערן צו אַ קאָמיטע.

131. צווייא ערזאַץ פּאָרשלעגע קענען אָבער ניט אמענדירט ווערן און דיעזע צווייא זיינען: אן ערזאץ אנטראג: דיא פּאָרפראגע, אדער דיא אָריגינאל פראגע, Previous question, וויא מיר האבען זיא שוין ערקלערט און וויא וועט שפּעטער גאך מעהר ערקלערט ווערן, און אן ערזאץ אנטראג, צו לעגען דעם פּאָרשלאג אויפ'ן טיש. דער כאראקטער און דער זינן פון דיעזעביידע ערזאץ פראגען ערלויבען קיין אמענדמענט.

לעגען אַ פּאָרשלאַג אויפ'ן טיש.

132. דיעזער ערזאַץ אנטראַג הייסט, אז דיא פער-זאמלונג האט יעצט וויכטיגערע געשעפטען צו פערהאַנד-לען אָדער וויכטעגערע אנגעלעגענהייטען צו ערלעדיגען און זיא קען זיך יעצט ניט בעשעפטיגען מיט דעם פּאָר-שלאג. מען שטעלט אלזאָ דעם אנטראג צו לעגען דעם אָריגינאל פארשלאג אויפ'ן טיש אויף א געוויסע, אונבע-שטימטע צייט, מיט אנדערע ווערטער, מען זאָל זיך יעצט ניט בעשעפטיגען מיט'ן פארשלאג, אבער מען קען איהם ווידער אויפנעהמען, ווען מען וועט עס געפינען פאַר נעטהיג.

133. אַזא אנטראג מוז פּאָרגענומען ווען פאר אַלע

אַנדערע פראגען און פאָרשלעגע און מוז אפּגעשטימט ווערן. שטימט דיא פערזאמלונג מיט יאַ, דאס הייסט, אַז מען זאָל יאַ לעגען דעם אָריגינאל פאָרשלאג אויפ׳ן טיש, איז דיעזער פאָרשלאג פערניכטעט גלייך וויא גאָר נים געשטעלט געוואָרען און ווען מען וויל שפּעטער איהם ווידער אויפנעהמען, מוז מען מאכען אַ נייעם פאָרשלאג.

134. ווען אבער דיעזער אנטראג אָפּגעשטימט מיט ניין; דאס הייסט, אז מען זאָל דעם אריגינאל פאָר־שלאג נים לעגען אויפ׳ן טיש, דאן מוז מען איהם באלד נעהמען צור פערהאנדלונג און אָפּשטימונג.

דיא פאָרפראַגע Previous question.

135. דיא פאָרפראגע, אדער אריגינאל פראגע, איז גענוי ערקלערט געווארען אין דיא פאראגראפען 48, 49 און 50. זיא איז איינע פון דיא וויכטיגסטע ערזאץ פראגען און שטעהט אויף דערזעלבע־ שטופע מיט דעם אנטראג צו לעגען א פארשלאג אויפ׳ן טיש, מען קען איבער איהר נים דעבאטירען און מען קען זיא נים אמענדירען. זיא מוז אנגענומען ווערן אדער צוריק געוויזען ווערן.

136. ווערט דיא פארפראגע אדער דיא אריגינאל פראגע געשטעלט פאר אנדערע פראגען שליעסט זיא שוין אליין אוים אלע פראגען און אנטרעגע. ווייל זיא

מוז באַלד בעאַנטוואָרטעט און ענטשיעדען ווערדען. ווערט זיא אָבער געשטעלט נאַכדעם וויא עס זיינען שוין געמאַכט געוואָרען אַמענדמענטס אָדער געשטעלט געוואָרען אַנדערע פראַגען און מען האט געשטימט געגען איהר בלייבען אַלע אַנדערע פראַגען שטעהן אין דער אָרדנונג, אין וועלכער זיי זיינען געמאַכט געוואָרען.

אָפּלעגען אַ פאָרשלאַג.

137. דער אַנטראַג אָפּצולעגען אַ פאָרשלאַג קען געמאַכט ווערן איהם אָפּצולעגען אויף אַ אונבעשטימטע אָדער אויף אַ בעשטימטע צייט. איןביידע פעלע קען מען מאַכען אַן אַמענדמענט צו דיזען אַנטראַג: ווען דער אַנטראַג לויטעט, אַז מען זאָל אָפּלעגען דעם פאָר-שלאַג אויף אונבעשטימטע צייט, קען מען מאַכען אַן אַמענדמענט, מען זאָל איהם אָפּלעגען אויף אַ בעשטימטע צייט, אויף אַ געוויסען טאג. ווערט דער אַנטראַג גע-שטעלט, מען זאָל אָפּלעגען דעם פאָרשלאג אויף אַ בע-שטימטע צייט, קען מען מאַכען אן אמענדמענט, מען זאָל איהם אָפּלעגען אויף אַנאנדער צייט, אויף אַנאנדער טאג אָדער זאָגאר אויף אַ געוויסע שטונדע.

138. ווען אַן אַנטראג אָפּצולעגען אַ פאָרשלאַג איז אָפּגעשטימט מיט יאַ, מען זאָל איהם יא אָפּלעגען, הייסט עס, אז ער געפינט זיך גאָר ניט פאַר דער פערזאמלונג

און מען קען מעהר איבער איהם ניט פערהאַנדלען. ווערט אבער אַזא אנטראג אָפּגעשטימט מיט נ יין, מען זאָל איהם ניט אָפּלעגען, קען מען שטעלען געגען איהם דיא פאָרפראגע, אדער מען זאָל איהם איבער געבען צו אַ קאָמיטע, אָדער מען קען איהם אַמענדירען.

איבער געבען צו אַ קאָמיטע, קאָמיטירען
Commitment.

139. אן אנטראג איבער צו געבען אַ פאָרשלאג צו אַ קאָמיטע קען אמענדירט ווערן דורך אן אנטראג, מען זאָל פערגרעסערן דיא צאהל פון דיא קאמיטע מיטגליע-דער, מען זאָל פערקלענערן דיא צאהל פון דיא קאָמיטע מיטגליעדער, מען זאָל איהם ארויס נעהמען פון איין קאָ-מיטע און איבער געבען צו אנאנדערע קאמיטע, אָדער מען זאָל געבען געוויסע אינסטרוקציאָנען צו דיא קאָמיטע מיטגליעדער, וויא אזוי זיי זאָללען בעהאנדלען דיעזען פאָרשלאג.

140. דיעזער אנטראג האט דיעזעלבע קראפט פון אַ פאָרפראגע און ווען ער איז געמאכט געוואָרען פריהער פאר אנדערע פראגען, קען ער ניט ערזעצט ווערן אָדער פערניכטעט ווערן דורך אַ פאָרפראגע אדער אנדערע צופאלם פראגען.

141. ווערט דיעזער אנטראג אנגענומען, מען שטימט

פאַר איהם, געהערט דער פארשלאג ניט מעהר צו דער פערזאמלונג און מען קען שוין מעהר איבער איהם ניט פערהאַנדלען. ווערט ער אבער אפגעשטימט מיט ניין, דאס הייסט, אז מען זאל דעם פארשלאג ניט איבער געבען צו אַ קאמיטע, דאן בלייבט ער פאר דער פערזאמלונגען און מען קען שטעלען געגען איהם א פאר־פראגע, אדער שטעלען דעם אנטראג, מען זאל איהם אפלעגען, אדער מען קען מאכען אמענדמענטס צו איהם.

אמענדמענטס.

142. ווען אן אמענדמענט איז געמאכט געווארען צו א פארשלאג און איז אונטערשטיצט געווארען, קען מען שוין געגען דיעזען פארשלאַג ניט שטעלען דיא פאר־פראגע, אדער שטעלען אן אנטראג, מען זאל איהם אפ־לעגען אויף אונבעשטימטע צייט, מען קען צו איהם מאכען נור אן אמענדמענט, דאס הייסט, אן אמענדמענט צום אמענדמענט.

143. מען קען אבער מאכען אן אמענדמענט, אז מען זאל אפלעגען דעם ערשטען אמענדמענט אויף א נאנדער טאג אדער אויף אנאנדער צייט. ווען מען מאכט אזא אנטראג, אז מען זאל אפלעגען דאס אמענדמענט אויף א געווישען טאג אדער אויף א געוויסע צייט, מוז דיעזעס אמענדמענט פארגענומען ווערן פריהער פון אלע

איבעריגע פראַגען אין דיעזער אַנגעלעגענהייט. דער הויפּט פאָרשלאַג מיט דעם אַמענדמענט צו איהם בלייבט פאַר דער פערזאַמלונג, אָבער נור אפּגעלעגט אויף אַ געוויסע צייט.

144. געגען אין אַמענדמענט קען מען שטעלען דעם אַנטראַג, מען זאָל איהם איבערגעבען צו אַ קאָמיטע און דיעזער אַנטראַג מוז צוערשט פאָרגענומען ווערן.

11טעס קאַפּיטעל.

איבער דיא נעשעפטס אָרדנונג.

145. ווען עס ליעגען פיעלע געגענשטענדע צור פערהאַנדלונג און עס איז ניט בעשטימט געוואָרען, וועל-כען געגענשטאַנד מען זאָל פריהער פערהאַנדלען, האט דער פרעזידענט דאס רעכט פריהער צו פערהאַנדלען יעדען געגענשטאַנד, וועלכען ער געפינט פאַר נעטהיגער און וויכטיגער.

146. עס איז אבער פיעל בעסער פעסט צו זעצען און צו בעשטימען אַ געשעפטס אָרדנונג און צו בעציי-כענען מיט נומערן: 1, 2, 3, און זאָ ווייטער, יעדען געגענשטאַנד, וועלכען מען דאַרף פערהאַנדלען, ווייל אין אַזא פאַל קען דער פאָרזיצענדער בעסער פיהרען דיא פערהאַנדלונגען און צוריק האַלטען היציגע מיטגליעדער, וועלכע ווינשען, אַז אַ געגענשטאַנד, אין וועלכען זייא

זיינען פעראינטערעסירט, זאָל פריהער פערהאַנדעלט ווערן.

147. דיא געשעפטס אָרדנונג קען פעסט געזעצט ווערן און בעשטימט ווערן איין מאָל פיר אַלע מאָל, וויא עס איז איינגעפיהרט אין פיעלע אָרגאַניזאַציאָנען, בע-זאָנדעס אין לאָדשען און פעראיינע. זיא קען אבער אויך געמאַכט ווערן נאך אַ געוויסע רעגעל, נאך אַ ספעציאַל רעגעל.

148. אין אָרגאַניזאַציאָנען, אין וועלכע עס ווערן פערלעזען פאָרשלעגע אָדער רעזאָלוציאָנען, וועלכע ענט-האַלטען אין זיך פיעלע פונקטען אָדער פאַראַגראפען, איז עס אַ רעגעל, אַז מען זאָל פאָרלעזען דעם פאָר-שלאַג אָדער דיא רעזאָלוציאָן און מען זאָל אָנהויבען צו דעבאַטירען איבער יעדען פונקט פון אָנפאַנג ביז צו ענדע.

149. דיא אַלגעמיינע רעגעל איז, אַז צו ערשט זאָל דער סעקרעטער פערלעזען דאס גאנצע פאַפיער, דאן זאָל דער פרעזידענט נעהמען לעזען יעדען פאַראַגראַף, יעדען פונקט בעזונדער. ווען ער ענדיגט אַ פונקט, אָדער א פאראגראף, שטעלט ער דיא פראַגע אן דיא פערזאַ-מעלטע, אויב זי זיינען איינפערשטאנען, מיט דיעזען פונקט אָדער מיט דיעזען פאַראגראף אויב מען וויל ניט מאכען אמענדמענטס צו איהם, אז י לעזט ער דאס גאנצע דאָ-קומענט ביז צו ענדע און ווען עס זיינען קיינע אמענדמעטס

געמאכט געוואָרען, לענט ער פאָר דאס גאנצע דאָקו-
מענט צור אבשטימונג.

150. ווען עס קומען פאָר עטליכע פאראגראפען
מיט אַ מאל, צום ביישפּיעל, עס איז געמאַכט געוואָרען
אַ פאָרשלאג, צו דיעזען פארשלאג איז געמאכט געוואָרען
אן אמענדמענט, צו דיעזען אַמענדמענט איז געשטעלט
געוואָרען אן אנטראג, אז מען זאָל איהם איבערגעבען
צו אַ קאָמיטע, אין דערמיט האט אַ מיטגליעד געשטעלט
אן אָרדנונגס פראגע, דאָס הייסט, אז דער גאנצער פאר-
שלאג איז געגען דיא ארדנונג, אדער דיא פערזאמלונג
האט גאר קיין רעכט איהם צו שטעלען, דאס הייסט,
אַ פּריווילעגירטע אדער בעפאָרצוגטע פראגע, דארויף
האט מען געשטעלט דעם אַנטראג, אז מען זאל אלע
פראגען לעגען אויפ'ן טיש. אויף דיעזער אַרט האבען
זיך אנגעזאמעלט זעקס פראגען מיט אַ מאל:

1) דער פארשלאג.
2) דאס אמענדמענט.
3) דער אַנטראג עס איבער צו געבען אַ קאמיטע.
4) דיא אָרדנונגס פראגע.
5) דיא בעפאָרצוגטע פראגע.

און 6) דער אנטראג צו לעגען עס אויפ'ן טיש. דאן
מוז מען צו ערשט ענטשיידען איבער דעם אַנטראַג,
מען זאל אלע פראגען לעגען אויפ'ן טיש. שטימט מען

מיט י אַ, בלייבט דער פּאָרשלאַג מיט אַלע פראַגען ליע-
גען אויפ'ן טיש און מען געהט איבער צו אַנדערע פער-
האַנדלונגען; שטימט מען אָבער מיט נ יין, מוז מען
ענטשיידען דיא 5טע פראַגע, דיא בעפּאָרצוגטע אָדער
פּריווילעגירטע פראַגע, דאס הייסט, אויב דיא פערזאַמלונג
האט דאס רעכט צו פערהאַנדלען אַזאַ פּאָרשלאַג. ווערט
ענטשיעדען, אַז דיא פערזאַמלונג האט דאס רעכט צו
פערהאַנדלען איבער אַזאַ פּאָרשלאַג, דאַרף מען פערהאַנד-
לען דיא 4טע פראַגע, אויב דער פּאָרשלאַג איז אין אָרד-
נונג; געפינט מען, אַז ער איז יאַ אין אָרדנונג, דאַרף
מען פערהאַנדלען איבער דעם אַנטראַג איבער צו געבען
דאס אַמענדמענט צו אַ קאָמיטע. בעשליעסט מען, אַז
מען זאָל עס ניט איבערגעבען צו אַ קאָמיטע, נעהמט
מען פּאָר דיא צווייטע פראַגע, דאס אַמענדמענט, שטימט
מען געגען דעם אַמענדמענט, נעהמט מען פּאָר דעם
אָריגינאַל פּאָרשלאַג.

דיעזעס ביישפּיעל צייגט קלאָר און דייטליך, אין
וועלכער אָרדנונג אַ פּאָרשלאַג און דיא פראַגען, וועלכע
קענען דערביי ענטשטעהן, דאַרפען פערהאַנדעלט ווערן.

151. ווען אַ פּאָרשלאַג איז געמאַכט און אונטער-
שטיצט, איז עס דיא פּפליכט פון פּאָרזיצענדען איהם
פּאָרצולעגען פאר דער פערזאמלונג און עפענען אַ דע-
באַטע איבער איהם. אין דיעזע צייט, פון דער מינוט,

וואָס דער פאָרשלאַג איז אונטערשטיצט, ביז ער ווערט אָפּגעשטימט מיט יאַ, אָדער ניין, קען קיין אַנדערע זאַך ניט פאָרגעבראַכט ווערן פאַר דער פערזאמלונג און ווען אַ מיטגליעד שטעלט אַ פראַגע, וועלכע געהערט ניט צום פאָרשלאַג, איז ער אויסער אָרדנונג און דער פאָרזיצענ-דער אָדער א מיטגליעד מעג איהם רופען צור אָרד-נונג.

152. דער פאָרזיצענדער דארף פאָרלעגען פאר דער פערזאמלונג נור דעם אָריגינאל פאָרשלאַג, זאָגאר ווען דער פאָרשלאַג און אן אמענדמענט צו איהם זיינען געמאכט געוואָרען מיט אַ מאָל, וויא צום ביישפיעל, איין מיטגליעד האט געמאכט אַ פאָרשלאַג און אַ צווייטעס מיטגליעד האט באלד געמאכט צו איהב אן אמענדמענט. אין אזא פאל דארף דער פאָרזיצענדער בעטראכטען דאס אמענד-מענט, גלייך וויא עס איז גאָר ניט געמאכט געוואָרען, וויל מען קען מאכען אן אמענדמענט נור דאן, ווען דער פאָרשלאַג איז שוין פאָרגעלעגט פאר דער פערזאמלונג.

153. ווען אַ מיטגליעד האט געבעטען דאס וואָרט, דער פאָרזיצענדער האט עס איהם געגעבען און ער האט אנגעהייבען צו רעדען צו דער פערזאמלונג, דארף איהם קיינער ניט אונטערברעכען. מען קען דאן ניט שטעלען בעפאָרצוגטע פראגען, אדער ארדנונגס פראגען, אדער שטעלען אן אנטראג, אז מען זאל לעגען דעם פארשלאג

אויפ'ן טיש. עס איז אן אלגעמיינע רעגעל, אז ווען אַ מעמבער האט דאס וואָרט אדער „ער האט דען פלאָאָר", ויא מען רופט עס פארלאמענטאריש, קען מען איהם נור דאן אונטערברעכען, ווען ער איז אויסער אָרדנונג, אדער ער דריקט זיך ניט אוים, וויא עס דארף זיין, אבער אויך דאן, ווען עס ווערט בעוויעזען, אַז ער איז ניט אויסער ארדנונג, מוז מען איהם לאָזען ענדיגען זיין רעדע.

154. עס איז אויך ניט אנגענומען, אז ווען איינער רעדט איבער א פראגע, זאל אנאנדערער אוים רופען: „אפלעגען דעם מיטינג!—אפלעגען דעם פארשלאג!—צור טאגעס אָרדנונג!" א זעלכע אוים רופע האבען קיין ווערטה, ווייל זיי זיינען ניט געמאכט געווארען אין דער פארם פון א פארשלאג אדער אנטראג און דער פרעזידענט האט דאס רעכט צו רופען א זעלכע מיטגליעדער צור ארדנונג און הייסען דעם רעדנער ענדיגען זיין רעדע.

12טעם קאפיטעל.

דיא אָרדונג אין א דעבאטע.

155. עס איז א גרויסער אונטערשיעד צווישען א דעבאטע אין א פערזאמלונג פון א בעראטהענדער פער-זאמלונג אין א דעבאטע אין אַ געריכט. אין אַ פרייער פערזאמלונג הייסט דיא דעבאטע אן אויסדרוק פון פערזענליכע

מיינונגען, אין אַ געריכט אָבער איז דיא דעבאַטע אַ קאַמפּף פון פּרינציפּען און געזעצע. אין אַ פרייער פערזאַמלונג וויל דיא דעבאַטע צו ציעהען דיא הערער צו איהר מיינונג, אין אַ געריכט וויל דיא דעבאַטע איבערצייגען און בעוויי־זען, און דאַרום קען מען אין אַ פרייער פערזאַמלונג ניט אַנטוואָרטען אויף אַ רעדע, ווייל דער רעדנער דריקט אויס נור זיין מיינונג, זיין וואונש און זיין פערלאַנגען, אין אַ געריכט אבער מוז דיא אַנדערע זייט אַנטוואָרטען און בעווייזען, אַז דיא ערשטע זייט האט ניט רעכט.

156. עס איז אַן אַלגעמיינע רעגעל, אַז דער פּאָר־זיצענדער זאָל קיין אַנטהייל נעהמען אין אַ דעבאַטע. ער דאַרף נור ערקלערען, פּאָרלעגען, געבען אויסקונפט און אַכטונג נעבען אויף אָרדנונג און אַז דיא רעגעל פון דער אָרגאַניזאַציאָן זאָלען אויסגעפיהרט ווערן. ער האט נור דאָס רעכט צו ענטשיידען, אויב אַ דעבאַטע איז אין אָרדנונג אָדער ניט.

1. אבטהיילונג.

וויא מען זאל רעדען.

157. ווען אַ מעמבער וויל רעדען, דאַרף ער אויס טאהן דעם הוט, זיך אויפהייבען פון זיין פּלאַץ, זיך ווענ־דען צום פּאָרזיצענדען און בעטען ביי איהם דאָס וואָרט. דער פּאָרזיצענדער דאַרף איהם רופען ביים נאָמען און

זאָגען אין דער הויך, אַז דער און דער האַט דאס וואָרט. ער דאַרף דאס זאָגען אין דער הויך אום צו צוציעהען דיא אויפ-מערקזאַמקייט פון דיא פערזאַמעלטע מיטגליעדער, זיי זאָלען זיך פערהאלטען רוהיג און זאָלען צו הערען, וואס דער רעדנער וועט זאגען. שטעהן אויף עטליכע מיטגליעדער מיט אַ מאָל און פערלאַנגען דאַס וואָרט, האט דער פּאָרזיצענדער דאס רעכט צו ענטשיידען, ווער עס האט פריהער פערלאַנגט דאס וואָרט.

158. עס איז אבער געברויך (אַ מנהג), אַז ווען דער מ׳מבער, וועלכער האט געמאכט דעם פּאָרשלאַג, פערלאַנגט דאס וואָרט אום צו ערקלערן זיין פּאָרשלאג אָדער אום צו פערטהיידיגען זיין פּאָרשלאג. זאל דער פּאָרזיצענדער איהם געבען צו ערשט דאס וואָרט. דאס זעלבע איז, ווען איינער האט געשטעלט אן אנטראג, אז מען זאָל אפלעגען אַ פארשלאג אדער מען זאל שליעסען דעם מיטינג, גיט מען איהם פריהער דאס וואָרט פון יעדען אַנדערן. עס איז ווידער געברויך (אַ מנהג), אַז ווען צווייא מיטגליעדער פערלאַנגען דאס וואָרט און איינער פון זיי וויל רעדען פאר דעם פארשלאג, דער אנדערער אבער וויל רעדען געגען דעם פארשלאג, זאָל מען צוערשט געבען דאס וואָרט דעם, וועלכער וויל רעדען געגען דעם פארשלאג און שפּעטער דעם, וועלכער וויל רעדען פאַר דעם פּאָרשלאג. דאס איז אבער נור געברויך, דיא פערזאמלונג

קען פערלאַנגען, אַז ווער עס האט געבעטען צו ערשט אום דאס ווארט, דער זאל דאס האבען.

159. אין אייניגע ארגאַניזאַציאָנען איז אנגענומען, אַז ווען אַ רעדנער ברעכט זיך אליין אונטער און גיט איבער אַנאנדערן דאס ווארט צו אַ געוויסען צוועק, קען ער, ווען דער אנדערער האט געענדיגט, ווידער פארט־זעצען זיין רעדע, דאס איז אבער ניט פארלאמענטאריש. ווען א רעדנער האט איין מאל אונטערבראכען זיין רעדע, הייסט עס, אז ער האט זיך ענטזאגט פון זיין רעדע אין גאנצען און ווען ער וויל ווידער האבען דאס ווארט, מוז ער עס בעטען ביים פארזיצענדען.

160. אַ רעדנער דארף ניט און טאר ניט אנרו־פען אנאנדער מיטגליעד ביי זיין נאמען, אדער זאגען: דער מאנן, וועלכער האט גערעדט פאר מיר, אדער דער מאנן, וועלכער האט געמאַכט דעם פאָרשלאַג. דער זינן און דער צוועק פון דיעזער רעגעל איז, זיך אָפּצוהיטען און זיך צו דערווייטערן פון פערזענליכקייטען, דער רעד־נער זאָל ניט לויבען און ניט שענדען אַ מיטגליעד. ער דאַרף רעדען נור איבער דער פראַגע און פון דער פראַגע אָבער פון קיין פערזאָן, און דאַרף קיינע אַנשפּיעגעלונ־גען מאַכען אויף אירגענד וועלכע פערזאָן, ווערער צום גוטען נאך צום שלעכטען.

161. ווען דער פאָרזיצענדער הייבט זיך אויף אום

צו רעדען, פאַרדערט דיא העפליכקייט, אַז אנדערע מיט-גליעדער, וועלכע ווילען יעצט רעדען, זאָלען זיך זעצען און איבער וואַרטען דיא רעדע פון פאָרזיצענדען, אבער דער פאָרזיצענדער האט קיין רעכט אונטער צו ברעכען אַ מעמבער אָדער לאָזען וואַרטען אַ מעמבער, וועלכער האט שוין דאס וואָרט.

162. אַ רעדנער מוז האַלטען זיין רעדע שטע-הענדיג. אויסער ווען זיינע געזונדהייט אָדער זיין אַלט-קייט ערלויבען איהם ניט צו שטעהן, מעג דער פאָרזי-צעידער איהם ערלויבען צו האַלטען זיין רעדע זיצענדיג.

2. אַבטהיילונג.

איבער דעם אינהאלט פון אַ רעדע.

163. איבער יעדע פראַגע, וועלכע קומט פאָר אין אַ פרייער בעראַטהענדער פערזאַמלונג, קען געפיהרט ווערן אַ דעבאַטע, דאס הייסט, יעדער מעמבער האט דאס רעכט אַרויס צו זאָגען זיין מיינונג און זיינע אַנזיכטען איבער דיא פראַגע, וועלכע איז געשטעלט געוואָ-רען, אָבער ער דאַרף רעדען נור וועגען דיעזע פראַגע און איבער דיעזע פראַגע און ניט איבער אַנדערע זאַכען. עס איז זעלבסט פערשטענדליך, אַז ער דאַרף רעדען רוהיג, געלאַסען און אַנשטענדיג. זאָ לאַנג אַ רעדנער האַלט זיך אן דעם פונקט איבער וועלכען ער רעדט און ער רעדט

,,טאָ דהי פּאָינט", מעג ער רעדען, וויא פיעל ער וויל. רעדט אבער איינער צו לאַנג, ווערט ער לאַנגווייליג, גיט איהם דיא פערזאַמלונג געוועהנליך צו פערשטעהן, אַז ער רעדט צו לאַנג אָדער צופיעל.

164. עס איז זעלבסט פערשטענדליך, אַז אַ רעדנער דאַרף ניט געברויכען אונאַנשטענדיגע ווערטער, אָדער רעדען מיט פעראַכטונג אָדער אין אַ ניט שעהנער שפּראַכע וועגען דער פערזאַמלונג אָדער געגען פריהערע בעשליעסע פון דער פערזאמלונג. ער קען נור רעדען איבער דער פראַגע, וועלכע ליעגט פאַר דער פערזאַמלונג און קען בעווייזען, אַז דיעזער אַנטראַג אָדער אַזאַ פערהאַנדלונג קען ברענגען שאדען אַלע מעמבערס אָדער דער פער-זאַמלונג.

165. אַ רעדנער דאַרף ניט אָפּווייכען פון דעם פונקט, איבער וועלכען ער רעדט און מאכען בעמערקונ-גען איבער אַ פערזאָן אָדער זאָגען שטעכווערטליך איר-גענד אַ פערזאָן. עס איז צוואר א מאָל זעהר שווער צו בעווייזען, אז דער רעדנער מיינט מיט זיינע בעמערקונגען א געוויסע פערזאָן און וויל מיט זיין רעדע שטערן א גע-וויסע פערזאָן, אבער יעדע פערזאמלונג האט צו איהר פּאָרזיצענדען אזוי פיעל צוטרויען, אז זיא גיט איהם דאס רעכט צו ענטשיידען, אויב א רעדנער איז אין אָרדנונג אָדער ניט, און ווען דער פּאָרזיצענדער געפינט, אז דער

רעדנער מאכט אונאנשטענדיגע בעמערקונגען, מעג ער ביי איהם צו נעהמען דאס וואָרט.

166. עס מאכט זיך זעהר אָפט, אז דער הויפּט פאָרשלאג איז אוועק געלעגט און עס האנדעלט זיך וועגען א בעזאָנדערע פראגע אין בעצוג אויף דעם פאָרשלאג, צום ביישפּיעל, אויב דיא פערזאמלונג האט דאס רעכט צו פערהאנדלען איבער אזא פאָרשלאג, דאן דארף דער רעדנער זיך האלטען נור אן דיעזען פּונקט און רעדען דאריבער, אויב דיא פערזאמלונג האט אזא רעכט אָדער ניט, אבער ער דארף ניט רעדען איבער דעם פאָרשלאג אליין. דער פאָרזיצענדער דארף שטרענג אָפּהיטען, אז דער רעדנער זאָל רעדען נור איבער דער פראגע, וועלכע ווערט יעצט פערהאנדעלט און ניט איבער אנדערע זאַכען. דיעזע רעגעל איז א נאטהווענדיגקייט, ווייל זאָנסט קען מען אריבער שפּרינגען פון איין געגענשטאנד צום אנדערן און דיא דעבאטע וועט זיך קיין מאָל ניט ענדיגען.

167 ווען דער פּרעזידענט אדער א מיטגליעד געפינט, אז א רעדנער רעדט ניט צו דער זאך אָדער ער מאכט אונאנשטענדיגע בעמערקונגען, און ער רופט איהם צור אָרדנונג אָדער ער ברעכט איהם אונטער, קען דער רעדנער זיך פערטהיידיגען. אז ער רעדט יא צו דער זאך און זיינע בעמערקונגען זיינען ניט אונאנשטענדיג. — דיעזע פראגע קען א מאָל פאָרקומען פאר דיא **גאנצע**

פערזאַמלונג און זיא זאָל ענטשיידען, אויב דער רעדנער האט גערעדט צור זאַך און אויב זיינע בעמערקונגען זיי-נען אַנשטענדיג. אַזא פראַגע קען קומען צור אַבשטימונג. ווען אַזא פראַגע ווערט געשטעלט און דיא פערזאַמלונג ענטשיידעט, אַז דער רעדנער האט גערעדט צור זאַך, אָדער זיינע בעמערקונגען זיינען ניט אונפּאַסענד, מעג דער רעדנער פאָרטזעצען זיין רעדע, וויא ער האט זיא אָנגע-הויבען, געפינט אבער דיא פערזאַמלונג, אַז ער רעדט ניט צור זאַך אָדער אז זיינע בעמערקונגען זיינען אונאַנ-שטענדיג, מעג ער אויך פאָרטזעצען זיין רעדע, אבער זיך האַלטען אן דעם פונקט איבער וועלכען ער רעדט, אָדער ניט געברויכען דיא אונאַנשטענדיגע בעמערקונגען.

3. אַבטהיילונג.

וויא פיעל מאָל קען מען רעדען.

168. עס איז אַן אַלגעמיינע רעגעל, אז קיינער זאָל ניט רעדען מעהר וויא איין מאָל איבער אַ געוויסע פראַגע. דיא דעבאַטע קען געדויערן שטונדען לאַנג, מען קען זיא אָפּלעגען אויף אַנאנדער טאג, קוים האט אַ מיטגליעד איין מאָל ארוים געזאָגט זיין מיינונג איבער אַ געוויסע פראַגע, דארף ער נאָך אַ מאָל ניט רעדען איבער דיעזען פונקט, זאָנאר ווען ער האט געענדערט דיעזע מיינונג און וויל זאָגען אַנאנדערע מיינונג.

169. דיזער רעגעל איז אבער נור פאר אַ גע-וויסע פראַגע, אבער נים ווען איבער דיזע פראגע איז ענטשטאַנדען אַ נייע פראַגע, זאָ צום ביישפיעל, ווען איינער האט גערעדט איבער אַ פאָרשלאַג, שפּעטער האט מען געמאכט אַן אמענדמענט צו דיזען פאָרשלאַג, מעג דער זעלבער מעמבער, וועלכער האט גערעדט איבערן פאָרשלאַג, רעדען נאך אַ מאָל איבער דעם אַמענדמענט.

170. דיא רעגעל, אַז אַ מעמבער זאָל רעדען נור איין מאָל איבער אַ פראַגע, איז אין קראַפט נור דאַן, ווען עס געפינען זיך נאָך מעמבערס, וועלכע ווילען רע-דען איבער דיא זעלבע פראַגע, ווען אלע האבען שוין אבער גערעדט איבער דיזע פראַגע, קען דער ערשטער רעדנער בעטען אום דיא ערלויבנים צו רעדען נאָך אַ מאָל איבער דיא זעלבע פראַגע.

171, אַ מעמבער קען רעדען נאָך אַ מאָל איבער דיא זעלבע פראגע, ווען ער וויל ערקלערן א נייעם פונקט אין דיזער פראגע, אָדער ערקלערן אַ געוויסען טהייל פון זיין פריהערדיגע רעדע, אָבער דאַן מוז ער זיך האלטען גאַנץ שטרענג אן זיין פונקט און געבען נור זיין ערקלע-רונג, אבער נים רעדען ווידער איבער דיא הויבפּט **פראגע.**

4. אַבטהיילונג.

אונטערברעכען א דעבאטע.

172. דער געוועהנליכער וועג צו מאכען אן ענדע צו אַ לאנגווייליגע, נוצלאָזע און צו לאנגע דעבאטע איז צו שטעלען דיא פאָרפראגע, דיא אָריגינאל פראגע, Previous Question. וויא עס איז שוין ערקלערט געוואָרען, איז דער הויפט זינן פון דיעזער פראגע, דיא פאָר־דערונג, אז מען זאָל אויפהערן אַלע דעבאטען און מען זאָל אויפנעהמען דעם אָריגינאל פאָרשלאַג צום אבשטי־מען, און דארום מוז מען אויפהערן אלע דעבאטען, אמענד־מענטס, און ערזאץ פאָרשלעגע, ווען איינער פון דיא מיט־גליעדער פאָרדערט דיא פאָרפראגע, מען דארף אָבער ניט פערגעסען, אַז דיא פאָרפראגע שטעהט אויף אַ גלייכער שטופע מיט דעם ערזאץ פאָרשלאג אָפצולעגען א פאָר־שלאג אָדער איהם איבער צו געבען צו א קאָמיטע, און ווען דיעזע ערזאץ פאָרשלעגע זיינען געמאכט געוואָרען, קען מען ניט שטעלען דיא פאָרפראגע.

173. אין דער נייעסטער צייט האט מען אנגענומען א רעגעל, אז א רעדנער זאָל קענען רעדען נור א גע־וויסע צייט, געוויסע מינוטען, און ווען דיעזע צייט, דיעזע מינוטען, זיינען פאָראיבער, בעמערקט עס דער פאָרזי־צענדער דעם רעדנער און ער מוז אונטער ברעכען זיין רעדע. אזוי וויא דיעזע רעגעל איז נאך ניט אנגענומען

איבעראל, מוז דיא פערזאמלונג יעדעס מאָל ערקלערען, אז זיא נעהמט אָן דיעזע רעגעל און בעשטימען, וויא פיעל מינוט א רעדנער זאָל מעגען רעדען.

174. געוועהנליכער אבער ענדיגט מען א לאנגוויי־ליגע דעבאטע דערמיט, וואס מען מאכט א פאָרשלאג צו שליעסען דיא דעבאַטע. ווען אַזאַ פאָרשלאַג איז אונ־טערשטיצט, מוז מען איהם באַלד פאָרנעהמען און פאָר־לעגען צור אבשטימונג. מען קען אָבער ניט מאַכען אַזאַ פאָרשלאג אין דער צייט, ווען אַ מיטגליעד האַלט אין רעדען.

175. אין אָרגאַניזאַציאָנען, וואו עס איז איינגעפיהרט אַ רעדנער ליסטע, דאס הייסט, אַז דער פרעזידענט פער־צייכענט דיא נעמען פון דיא רעדנער, וועלכע וויללען רעדען איבער אַ געוויסע אַנגעלעגענהייט, קען מען ניט מאַכען אַ פאָרשלאַג צו שליעסען דיא דעבאַטע, זאָנדערן צו שליעסען דיא רעדנער ליסטע, דאס הייסט, אַז נור דיא מיטגליעדער, וועלכע האָבען זיך שוין געמעלדעט צום רעדען, זאָלען נאָך מעגען רעדען איבער דיא פראַגע אָבער קיינע נייע רעדנער זאָלען אויפגענאָמען ווערן.

5. אַבטהיילונג.

דאס נוטצע בענעהמען אין א צייט פון א דעבאטע.

176. אַזוי וויא יעדעס מיטגליעד האט אַ רעכט

צו רעדען, אזוי האט ער דאס רעכט צו פֿאָרדערן, אַז מען זאָל איהם אויכהערן, דאס הייסט, אַז יעדעס מיט-גליעד איז פערפפליכטעט זיך אויפצופיהרען אַזוי רוהיג, אז דער רעדנער זאָל קענען געניעסען זיין רעכט. עס איז דאהער אן אַלגעמיינע רעגעל, וועלכע דיא העפליכקייט און דיא אַנשטענדיגקייט פערלאַנגט, אַז ווען איינער האַלט אין רעדען, דאַרפען דיא אנדערע מיטגליעדער ניט הוס-טען, ניט שפייען, ניט שש....קען, ניט רעדען צווישען זיך, ניט דורכגעהן צווישען דעם רעדנער און דעם פֿאָר-זיצענדען, ניט דורכגעהן דורך דיא ברייט פון מיטינגס לאָקאַל און ניט אַרומשפּאַציערן אין לאָקאַל און ניט צו טאָהן אַזאך, וועלכע קען שטערן אָדער בעאונרוהיגען דעם רעדנער.

177. עס איז דיא פפליכט פון פֿאָרזיצענדען בע-אַמטען שטרענג צו האַלטען דיא פערזאַמלונג אין אָרד-נונג. קוים זעהט ער, אַז מיטגליעדער האַלטען זיך ניט אין אָרדנונג, דארף ער זיי רופען צור אָרדנונג, הערט מען איהם ניט, דארף ער רופען ביים נאַמען יעדעס מיט-גליעד, וועלכעס האלט זיך ניט אין אָרדנונג, און איהם אויפפאָרדערן, ער זאָל זיך רוהיג פערהאַלטען און זאָל זיך אַנשטענדיג בענעהמען. הערט ער ניט אָדער פאָלגט ער ניט אויך דאן, ווען דער פּ־עזידענט רופט איהם ביים נאַמען און פאָרדערט איהם אויף זיך צו פערהאַלטען

אין אָרדנונג, האט דער פּרעזידענט, אָדער דיא פּער-זאַמלונג דאס רעכט איהם צו הייסען פערלאָזען דאס מיטינג לאָקאַל, דאן אבער האט דיעזעס מיטגליעד דאס רעכט זיך צו פערענטפערן אָדער זיך צו פערטהיידיגען, דאן אָבער מוז ער פערלאזען דאס מיטינגס לאָקאַל. ווען ער איז אויסער דעם לאָקאל, קען דיא פערזאַמלונג בע-שטימען, צו וואס פאַר אַ שטראַפע מען זאָל איהם פער-אורטהיילען פאַר שטערונג דער אָרדנונג.

178. ווען דער רעדנער זעהט, אַז דיא פערזאַמלונג וויל איהם ניט הערן און שטערט איהם אין זיין רעדע, איז עס פיעל גלייכער פאַר איהם, ער זאָל אונטערברע-כען זיין רעדע און זאָל זיך רוהיג אַ ניעדער זעצען. וויא אונאַנגענעהם דאס מעג זיין פאַרן רעדנער, דארף ער דאָך בערעכענען, אַז עס איז פיעל אונאנגענעהמער צו רעדען צו אויערן, וועלכע ווילען ניט הערן.

6. אַבטהיילונג.

איבער אונאנשטענדיגע ווערטער.

179. ווען אַ מיטגליעד האט געברויכט אין זיין רעדע ווערטער, וועלכע זיינען בעליידיגענדע פאַר אַנאנ-דער מיטגליעד אָדער פאַר דיא גאנצע פערזאמלונג, און דאס מיטגליעד, וועלכעס פיעלט זיך בעליידיגט וויל מא-כען אַ קלאגע געגען דעם רעדנער, אָדער ווען אַ מיטגליעד

געפינט, אַז דער רעדנער האט בעליידיגט דיא גאנצע פערזאַמלונג און ער וויל אויפהייבען אַ קלאַגע געגען רעדנער, האַנדעלט מען אין פאָלגענדער אַרט.

180. דער רעדנער ווערט באַלד אונטערבראָכען, מען לאָזט איהם ניט ווייטער רעדען דאדורך, וואָס איינער אָדער עטליכע פון דער פערזאַמלונג רופען איהם צור אָרדנונג. דאַן שטעהט אויף דער מעמבער וועלכער פיהלט זיך בעליידיגט און לעגט פאָר און ווידערהאָלט פאַרן פרעזידענט דיא ווערטער פון דעם רעדנער, וועלכע ער בעטראכט פיר בעליידיגענד. ער מוז זיי ווידערהאָלען פונקטליך, וואָרט פאַר וואָרט, אום דער סעקרעטער זאָל קענען זיי פערשרייבען אין דער קלאַגע. דאס זעלבע דאַרף געשעהן, ווען אַ מיטגליעד געפינט, אַז דער רעדנער האט געזאָגט ווערטער, וועלכע זיינען בעליידיגענד פאַר דער גאַנצער פערזאַמלונג. ווען דער פרעזידענט געפינט, אַז דיא בעליידיגונג איז אַ קלייניגקייט און עס איז ניט ווערטה דער מיה צו מאַכען דערפון אַ קלאַגע, דאַרף ער זוכען צו בערוהיגען דיא מיטגליעדער און אויס צו מיידען אַ קלאַגע, וויא ווייט עס איז נור מעגליך, געפינט ער אָבער אַז דיא ווערטער פון דעם רעדנער זיינען ווירקליך בעליידיגענד, אָדער פאָרדערט דיאַ גאַנצע פערזאַמלונג, אַז דיא ווערטער פון רעדנער זאָלען אויפגענומען ווערן פון סעקרעטער, מוז דער פרעזידענט הייסען דעם סעקרעטער

פערשרייבען פונקטליך און גענוי יעדעס בעליידיגענד וואָרט וויא דער בעליידיגטער מעמבער פערלאַנגט עס.

181. ווען דער סעקרעטער האט פערשריעבען אין פּראָטאָקאָל דיא בעליידיגענדע ווערטער, דאַרף ער זייא פאָרלעזען פאַר דער פערזאַמלונג. דער בעליידיגער דאַרף זיין דערביי און ער האט דאס רעכט זיך צו ערקלערן, אָפּצולייקענען, אז ער האט גאָר ניט געזאָגט אַ זעלכע ווערטער, זיך צו פערטהיידיגען. אַז ער האָט גאָר ניט גערמיינט צו בעליידיגען מיט דיעזע ווערטער אָדער זיך צו ענטשולדיגען.

182. איז דיא פערזאַמלונג צופריעדען מיט אַן ערקלערונג, מיט זיין פערטהיידיגונג, אָדער מיט זיין ענטשולדיגונג, דאַן האט דיא גאַנצע געשיכטע אַן ענדע און דער רעדנער מעג ווייטער רעדען און ענדיגען זיין רעדע. געפינען אָבער צווייא מיטגליעדער, אַז מען דארף זיך פריהער איבערלעגען, אויב מען זאָלל אננעהמען דיא ערקלערונג, פערטהיידיגונג אָדער ענטשולדיגונג פון דעם רעדנער, דאַן דארף דער רעדנער פערלאָזען דאס לאָקאַל און דיא גאַנצע פערזאמלונג הארף דאן אבשטימען, אויב מען זאָל אננעהמען דיא ערקלערונג, פערטהיידיגונג אָדער ענטשולדיגונג פון רעדנער, דיא גאַנצע פערזאמלונג קען דאן אויך בעשטימען, צו וואס פאַר אַ שטראַפע מען זאָל פעראורטהיילען דעם בעליידיגער.

183. ווען מען האט געלאָזען ענדיגען דעם רעדנער זיין רעדע, אין וועלכער ער האט געברויכט בעליידיגענדע ווערטער און אַנאנדער רעדנער האט שוין אנגעהויבען צו רעדען, אָדער מען האָט אויפגענומען אַנאנדער געגענשטאנד צור פערהאנדלונג, קען מען מעהר ניט אויפהייבען אַ קלאגע און פאָרדערן. אַז דיא בעליידיגענדע ווערטער זאָלען אויפגענומען ווערן אין פּראָטאָקאלל, מען קען אבער אריינברענגען געגען דעם רעדנער אַ פּריוואַט קלאגע׳

7. אַבטהיילונג.

דיא פראגע.

184. ווען אן אנטראג איז געמאכט, הייסט עס אַ פאָרשלאג. נעהמט דער פאָרזיצענדער אויף דיזען פאָרשלאג און לעגט איהם פאָר פאר דער פערזאמלונג, הייסט עס שוין אַ פראגע, ווייל עס איז א פרא.ע, אויב מען זאָל אננעהמען דיעזען פאָרשלאג אָדער ניט. ווען אַ פארשלאג ווערט אנגענומען, קען ער הייסען ב ע ש ל ו ס, אָ ר ד ע ר אדער וואָוט.

185. אלע רעגעלן, וועלכע זיינען ביז אהער ערקלערט געוואָרען, דיענען דערצו, וויא אזוי מען זאָל ברענגען דעם פארשלאג פאר דער פערזאמלונג און מאכען פון איהם א פרא.ע, דאס הייסט, אז דיא מעהרצאהל,

דיא מאיאָריטעט, פון דיא מיטגליעדער זאלען איינשטי-
מען מיט'ן פארשלאג און זאלען איהם אננעהמען אלס
זייער וויללען. זייער פערלאנגען, אדער זיי זאלען איהם ניט
אננעהמען, — פערווערפען.

186. און דאַרום איז עס אַנגענומען, אַז ווען אַ
פאַרשלאג איז געמאַכט. אונטערשטיצט, פאָרגעלעגט פאַר
דער פערזאַמלונג, זאָל דער פאָרזיצענדער פרעגען: זייט
איהר פערטיג פיר דיא פראַגע? הייבט זיך קיינער ניט
אויף, אָדער ווען פיעלע מיטגליעדער אַנטוואָרטען: „פראַגע!"
ווערט דיעזער פאָרשלאַג גענומען צור אבשטימונג.

187. ברענגט אָבער אַ מיטגליעד אַריין אַ ביטע,
אָדער דער טשערמאן פון אַ קאָמיטע ברענגט אריין זיין
בעריכט, דאַרף דער פרעזידענט ניט פרעגען: „זייט איהר
פערטיג פיר דיא פראַגע?" זאָנדערן „זאָל דיא ביטע
אָדער דער בעריכט אנגענומען ווערן?"—דאס זעלבע איז,
ווען מען פערלאַנגט דיא פאָרפראַגע אָדער דיא אָריגי-
נאַל פראַגע. דער פרעזידענט פרעגט דאן: „זאָל מען
יעצט שטעלען דיא אָריגינאַל פראַגע?"

188. ווען עס האַנדעלט זיך וועגען ניט וויכטיגע
זאַכען, וועגען קלייניגקייטען, איז עס אַנגענומען, אַז דער
פאָרזיצענדער לעגט פאַר דיא פראַגע, מאַכט זיינע ענט-
שיידונג און בעטראַכטעט עס אַלס אנגענומען איינשטי-
מיג פון דער גאַנצער פערזאַמלונג און מען שטימט ניט

אָפּ איבער זיי. הייבט זיך אָבער אויף אַ מיטגליעד און פאָרדערט, אַז מען זאָל פאָרנעהמען אַ רעגעל רעכטע אבשטימונג מיט אַלע פאָרמאליטעטען, מוז דער פאָרזי-צענדע צוזיך נעהמען זיין ענטשיידונג און לאָזען די אנגעלעגענהייט אַבשטימען מיט אַלע פאָרמאליטעטען. זאָ צום ביישפּיעל, ווען עס איז אַריינגעקומען אַ ביטע פון אַ מעמבער און דער פאָרזיצענדער האט געהייסען דעם סעקרעטער זיא פאָרלעזען, קען אויפשטעהן אַ מיטגליעד און פאָרדערן מען זאָל פריהער אפּשטימען, אויב מען זאָל גאָר אננעהמען די ביטע, דאן מוז געמאַכט ווערן אַ פאָרשלאג, אז מען זאָל אננעהמען די ביטע צום פערלעזען. דיעזער פאָרשלאג מוז אונטערשטיצט ווערן און מען קען איבער איהם דעבאַטירען.

189. ווען די פראַגע איז געשטעלט געוואָרען, דאס הייסט, ווען דער פרעזידענט האט געפרעגט: „זייט איהר פערטיג פיר די פראַגע?“ און מען האט איהם געענט-פערט: „פראגע!“ נעהמט ער זיא צור אבשטימונג דער מיט, וואס ער זאָגט: ווער דאפיר, דאס הייסט, ווער עס שטימט פאר דעם פארשלאג, דער זאָל זאגען: י א. דאן פרעגט ער: ווער עס איז דאגעגען, זאָל זאגען, נ יי ן. דאן ענטשיידעט ער, אויב עס זיינען געווען מעהר שטי-מען פאר י אַ אָדער פאר נ יי ן. הייבט זיך אויף אַ פּראָ-טעסט געגען זיין ענטשיידונג, דאַרף ער בעטראַכטען

דיעזע אבשטימונג פאר ניט גילטיג און מאכען אַ נייע אבשטימונג אויף אַ בעסערע אַרט, צום ביישפּיעל, ווער עס איז דאפיר, זאָל זיך אויפשטעלען און ווער עס איז דאגעגען, דער זאָל בלייבען זיצען, אָדער ווער דאפיר, זאל זיך שטעלען אין דער רעכטער זייט און ווער דאגע-גען, זאל שטעהן אין דער לינקער זייט פון מיטינגס לאָ-קאַל.

אין קלענערע פערזאמלונגען איז עס פיעל בעסער און פּראַקטישער צו שטימען מיט דער האַנד. דער פּרע-זידענט פרעגט דאַן: ווער דאפיר, דער זאל אויפהייבען דיא רעכטע האנד און ער צעהלט אָדער ער הייסט ווע-מען צעהלען דיא הענד, וועלכע האבען זיך אויפגעהייבען דאפיר. דאן פרעגט ער: ווער דאגעגען, זאל אויפהייבען דיא רעכטע האַנד, דיעזע אַרט אבשטימונג איז לייכטער און זיכערער, אבער שווער אוים צופיהרען אין גרעסערע פערזאמלונגען.

190. אין גרעסערע פערזאמלונגען, וואו עס געפינען זיך איינינע הונדערט מיטגליעדער, איז עס פיעל בעסער, אז דער פּאָרזיצענדער זאָל ערנענען צייגען, (טעלערס) צעהלער, און זאל אוים רופען: ווער דאפיר, דער זאל אויפשטעהן. אלע מיטגליעדער, וועלכע ווילען שטימען פאר דעם פארשלאג דארפען זיך דאן אויפהייבען, אהן

דיא היטלען און וואַרטען, ביז דיא טעללער וועלען איבער צעהלען זייערע שטימען.

191. דיא זיכערסטע און בעסטע פאָרם פון אב-שטימונג איז אָבער אויפצורופען יעדעס מיטגליעד ביים נאָמען און פרעגען איהם, אויב ער שטימט דאַפיר אָדער דאַגעגען. אין אַזאַ פאַלל ערקלערט דער פּאָרזיצענדער: „אַלע וועלכע שטימען דאַפיר, זאָלען זאגען יאַ, ווען מען וועט פאָרלעזען זייערע נעמען; אַלע וועלכע זיינען דאַגעגען, זאָלען זאָגען נ ײ ן." דער סעקרעטער לעזט דאַן דיא ליסטע פון דיא מיטגליעדער און פערצייכענט, וועלכעס מיטגליעד האט געשטימט מיט יאַ אָדער מיט ניין. דיעזע אַרט אבשטימונג איז איינגעפיהרט אין אַלע אַסעמבלים, געזעצגעבענדע קערפּער פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען.

אין שטאַאט מאַסאטשוזעטס איז עס אזוי איינגע-פיהרט. דיא נעמען פון אַלע מיטגליעדער פון דער אַסעמבלי זיינען געדרוקט אין דערמיט פון א בויגען פּאַפּיער, פון ביידע זייטען פון יעדען נאַמען איז אַ בלאַנק, אַ ריינער פּלאַץ. ווען עס קומט צור אבשטימונג, רופט אויס דער קלערק דעם ערשטען נאַמען, ענטפערט ער: יאַ, שטעלט דער קלערק אויף דעם פרייען פּלאַץ אין דער רעכטער האַנד פון זיין נאַמען דיא ציפער 1. דאַן רופט ער אויס דעם צווייטען נאַמען, ענטפערט דער צווייטער אויך יאַ,

שרייבט דער קלערק אין דער רעכטער האַנד פון זיין נאַמען דיא ציפער 2. דאס הייסט, צווייא שטימען פאַר יאַ, ענטפערט אבער ניין, שטעלט דער קלערק אין דער לינקער האַנד פון זיין נאמען דיא ציפער 1, דאס הייסט, איינער האט געשטימט ניין. אויף דיעזער אַרט פערשפּאָרט ער זאָגאַר צו צעהלען דיא שטימען, ווען ער ענדיגט לע־זען דיא ליסטע, ווייל ביים לעצטען נאמען זעהט ער שוין, וויא פיעל שטימען עס זיינען דא דאַפיר און וויא פיעל דאַגעגען. דיא נעמען פון דיא מגטגליעדער און וויא יע־דעם מיטגליעד האט געשטימט, ווערט פערשריעבען אין פּראָטאָקאָל און אפגעדרוקט.

192. צו טהיילט זיך דיא פערזאַמלונג און עס שטי־מען אַ גלייכע צאהל מיטגליעדער פאַר יאַ וויא פאַר ניין. דאן דארף דער פרעזידענט אפּגעבען זיין שטימע, דאס הייסט, ער דאַרף ענטשיידען. גיט ער אָפּ זיין שטימע פאַר יאַ, איז דער פאָרשלאג אנגענומען, גיט ער אָפּ זיין שטימע פאר ניין, איז דער פאָרשלאג פערוואָרפען. ער האט אָבער אויך דאס רעכט גאָר ניט אָפּצוגעבען זיין שטימע, גאָר ניט ארויס צו זאָגען זיין מיינונג אין זיין ענט־שיידונג. אין אַזא פאַלל איז דער פאָרשלאג ניט אנגענו־מען.

193. ווען אין דער צייט פון אבשטימונג, ווען דער פאָרזיצענדער האט שוין געצעהלט דיא שטימען פאר יאַ,

האָט זיך אויפגעהויבען אַ פראגע, אויב דיעזער אָדער יע־נער מעמבער האט דאס רעכט צו שטימען, דארף דער פאָרזיצענדער באַלד ענטשיידען דיעזע פראגע. איבער אזא פראגע קען מען ניט דעבאטירען, אבער דיא מיטגליעדער קענען געבען זייער ראטה אָדער מאכען מיטטהיילונגען דעם פאָרזיצענדען, אין אזא פאַלל אבער דארפען זייא מא־כען זייערע מיטהיילונגען זיצענדיג, אום עס זאָל ניט אויס זעהן וויא אַ דעבאַטע.

13טעם קאפיטעל.

צוריק נעהמען א בעשלוס, רעקאָנסידערן א בעשלוס.

194. עס איז א פעסט געזעצטע רעגעל, אז ווען אַ פאָרשלאג איז אנגענומען געוואָרען, ווערט ער שוין א בעשלוס דער פערזאמלונג און קען ניט צוריק גערופען אָדער צוריק גענומען ווערן. דיא פארלאמענטארישע פראקסיס, דיא ערפאהרונג האט אָבער געלערנט און בע־וויעזען, אז מען מוז מאכען אן אויס נאהמע פון דיעזער רעגעל. עס קומען פאָר פעללע, וואו מען מוז ווידער אויפנעהמען א פאָרשלאג און איהם נאָך א מאָל פער־האנדלען. אין דיעזער בעציעהונג זיינען פעסט געזעצט געוואָרען פאָלגענדע רעגעלן.

195. א פאָרשלאג קען ווידער אויפגענומען ווערן צור פערהאנדלונג, ער קען צוריק געצויגען ווערן אלס

בעשלום: 1) אין דער זעלבער זיצונג אָדער אין דעם זעלבען טאג, ווען אַ מיטגליעד, וועלכער האט געשטימט מיט דער מאַיאָריטעט פאַר דעם פאָרשלאג, ער האט געשטימט מיט י'אַ. מאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז דער בעשלום זאָל צוריק גענומען ווערן, „רעקאָנסידערט ווערן“. 2) אַזאַ פאָרשלאג קען געמאַכט ווערן פון אַ מיטגליעד, וועלכער האט געשטימט פאַרן ערשטען פאָרשלאַג מיט י'אַ אויך אויף אַנאנדער זיצונג, אין אַנאנדער טאג, ווען אין דיעזער זיצונג געפינען זיך דיעזעלבע מיטגליעדער, וועלכע האבען זיך געפונען דאמאָלס, ווען דער פאָרשלאג איז אנגענומען געוואָרען. 3) אַ בעשלום קען צוריק גענומען ווערן אויף אַ גענעראַל פערזאַמלונג, אָדער אין דער פאָרם, אין וועלכער געזעצע און רעגעלן פאַר דער אָרגאַניזאַציאָן ווערן געמאַכט, וויא צום ביישפיעל, מען זאָל זייא צווייא מאָל פערלעזען און דעם דריטען מאָל זאָל מען איבער זיי דעבאַטירען און בעשליעסען, אויב מען זאָל זיי אננעהמען אָדער ניט.

14טעם קאפיטעל.

איבער קאָמיטע'ס

1. אַבטהיילונג.

כאַראַקטער און טהעטיגקייט פון קאָמיטע'ס.

196. עס איז אַן אַלגעמיינע געברויך (אַ מנהג)

אין פרייע פערזאַמלונגען פאַר צו בעריימען געוויסע אַר־בייטען אָדער אויס צו פיהרען געוויסע נעטהיגע ארביי־טען דורך קאָמיטעס. ווען מען דאַרף נור פאַרבערייטען געוויסע אַרבייטען, ווערן דיא קאָמיטעס געוועהלט אָדער ערנאַנט אויף אַ געוויסע צייט און פאַר געוויסע פעלע. אין צווייטען פאַלל, ווען אַ קאָמיטע דאַרף טאָהן אַ גע־וויסע אַרבייט, ווערט עס געוועהלט אָדער ערנאַנט אויף אַן אונבעשטיממטע צייט, פערמאַנענט, סטענדיג קאָ־מיטע.

197. עס ווערן ערנאַנט אָדער געוועהלט קאָמי־טעעס אום אויס צו פאָרשען, אויס צו שטודירען צו פערשטעהן און צו קענען אַ געוויסען גענענשטאַנד אָדער אַ געוויסע אַנגעלעגענהייט. מען קען שנעלער, בעסער און זיכערער מאַכען דיא אַרבייט, וועלכע מען דאַרף מאַכען ווען מען צוטהיילט זיא צווישען פערשיעדענע קאָמיטעען. מען מוז פאָרבערייטען, מאַכען אן אָרדנונג, בעשטימען און פעסטזעצען, וויא אזוי מען זאָל טאָהן אַ געוויסע ארבייט, ווען מען זאָל זיא טאָהן און וואו מען זאָל זיא טאהן. אַזא פאַלל קומט פאַר בעזאנדערס בייא קאָנ־ווענציאנען, וואו א קאמיטע מוז אויס ארבייטען א פראָ־גראם, אַ טאגעס ארדנונג, א פערצייכניס, א ליסטע, וועל־כע געשעפטען עס זאלען פארקומען צור פערהאנדלונג און ווען און וויא אזוי זיי זאָלען פארקומען צור פערהאנדלונג.

198. עס איז אנגענומען, אז קאמיטעעס זיינען „דיא אויגען און דיא אויערן“ פון א פערזאמלונג, זיי זיינען אבער אויך „דער קאָפּ און דיא הענד“ פון א פערזאמלונג, ווייל זיי טהוען מייסטענס אלע ארבייטען פון דער פערזאמלונג און ערקלערן, פאַרשען אוים, ערקונדינען זיך שטודירען אוים געוויסע אנגעלעגענהייטען און גיבען דער פערזאמלונג פערטיגע ארבייטען.

199. דיא מאכט פון א קאמיטע העננט אפּ פון דער פערזאמלונג. מען קען זיי גיבען פאלל מאכט, „פול פאוער“ צו טאהן, צו מאכען אדער צו ארדענען. מען קען זיי אויך געבען שטרענגע אַינסטרוקציאנען, וויא אזוי צו ארבייטען. מען קען זיי גאר קיין מאכט געבען, זאנדערן פערלאנגען פון זיי, זיי זאלען א געוויסען פּונקט ערקלערן. איהם אוים לערנען, אוים שטודירען און עס מעלדען דער פערזאמלונג.

2. אַבטהיילונג.

דאס ערנענען פון קאָמיטעעס.

200. דיא ערשטע פראגע ביי דער ערנענונג פון א קאמיטע איז דיא צאהל: וויא פיעל מיטגליעדער זאלען בילדען דיעזעס קאמיטע. דיא מיטגליעדער פון דער פערזאמלונג זאגען זייער מיינונג דאריבער, מען זאל ערנענען 3—5 אדער 7 אדער מעהר מיטגליעדער אין א קאמיטע.

דערצו דאַרף מען קיין פאָרשלאַג. דער פאָרזיצענדער פרעגט נור דיא מיינונג פון דער פערזאַמלונג, נור אין גאַנץ זעל-טענע פעללע דאַרף מען אפשטימען, וויפיעל מיטגליעדער עס זאָלען זיך געפינען אין אַ קאָמיטע.

201. ווען מען האט שוין בעשטימט דיא צאהל פון דיא מיטגליעדער, וועלכע זאָלען בילדען אַ קאָמיטע, דאַרף מען זיי ערשט אויס וועהלען. דאכ קען מען טאָהן אין דרייא אַרטען. ערשטענס, דער פאָרזיצענדער ערנאנט אליין דיא קאָמיטע מיטגליעדער, ער „אַפּאָינטעד" זיי. צווייטענס, מען וועהלט זיי דורך אַ באַללאָטאַזשע, מען באַללאָטירט איבער זיי. ווער עס בעקומט מעהר קוגעלן, דער איז געוועהלט. דריטענס דורך נאָמינאַציאָן און וואַהל, וויא עס ווערן געוועהלט בעאַמטע.

202. עס איז אַן אלגעמיינע רעגעל, אַז ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ קאָמיטע אום אויס צו לערנען, אויס צו פאָרשען אָדער אויס צו שטודירען אַ געוויסען געגענשטאַנד, זאָלען אין אַ קאמיטע ערנאנט ווערן מיט-גליעדער, וועלכע זיינען געגען דעם פאָרשלאַג, אָבער נור דאַן ווען דער פאָרשלעגער און דער אונטערשטיצער פון דעם פאָרשלאג געהערן אויך צום קאָמיטע, ווען זיי זיי-נען אָבער ניט פון קאָמיטע. ווערן ערנאנט מיטגליעדער וועלכע זיינען פיר דעם פאָרשלאג.

203. ווען אַ קאָמיטע איז ערנאַנט וועגען אַ געוויסען

געגענשטאַנד, דאַרף דעם סעקרעטער אויס מאַכען אַ ליס-טע פון דיא מיטגליעדער פון קאָמיטע און אָנשרייבען דיא אַנגעלעגענהייט אָדער דעם געגענשטאַנד, וועגען וועל-כען זיי זיינען ערנאַנט, און דיעזע פּאַפּיערען איבערגע-בען דעם וועלכער איז דער ערשטער אויף דער ליסטע.

3. אבטהיילונג.

דיא אָרגאַניזאַציאָנס פון קאָמיטעס און זייערע ארבייטען.

204. דער ערשטער, וועלכער ווערט ערנענט אין אַ קאָמיטע, איז דער טשערמאַן אָדער פּאָרזיצענדער פון דיעזען קאָמיטע. ער אָרגאַניזירט דאס קאָמיטע, ער רופט עס צוזאמען און בעשטימט דיא צייט און דעם אָרט, וואו און ווען מען זאָל זיך צוזאַמען קומען. ער איז אויך דער פאָרזיצענדער אין דער צייט פון דער פערהאַנדלונג פון קאָמיטע און ער ברענגט אריין דעם בעריכט איבער דיא אַרבייט פון קאָמיטע.—דאס ווערט אבער געטאהן נור אויס העפליכקייט. דיא מיטגליעדער פון קאָמיטע האַ-בען דאס רעכט זיך צו וועהלען אנאנדער טשערמאַן, וועלכער זאָל פיהרען דעם פאָרזיץ אין דער צייט פון דער פערהאַנדלונג און זאָל אריינברענגען דעם בעריכט צו דער פערזאַמלונג.

205. דיא פערזאַמלונג קען בעשטימען דיא צייט און דעם אָרט, ווען און וואו אַ קאָמיטע זאל אפהאַלטען

זיין זיצונג. מען קען אויך הייסען דעם קאָמיטע אפּהאַל־
טען זיינע זיצונג אין דער צייט פון דער פערזאַמלונג און
זאל באַלד אריינברענגען זיין בעריכט.

206. יעדעס קאָמיטע דאַרף זיך בעטראַכטען אלס
אָרגאניזאַציאָן פאַר זיך אליין און דאַרף אין אַלע בע־
ציעהונגען האַנדלען אַלס אַזא אָרגאניזאַציאָן, דאס הייסט
דיא מעהרצאהל פון מיטגליעדער פון קאָמיטע דארפען
זיין אַנוועזענד, ווען עס ווערט פערהאנדעלט דיא פראַגע
וועגען וועלכע דאס קאמיטע איז ערנאנט. ווען דיא מיי־
נונגען פון דיא קאמיטע מיטגליעדער זיינען פערשיעדען,
דאַרף מען אפּשטימען און דיעזע אפּשטימונג האט דיא
קראפט פון אַ בעשלוס. איינער פון קאמיטע נעהמט אן
דאס אמט פון אַ סעקרעטער, ווען עס איז נעטהיג, און
פיהרט א פּראטאקאלל איבער דיא פערהאנדלונגען פון
קאמיטע.

207. ווען א קאמיטע מיטגליעד ערלויבט זיך און־
אנשטענדיגע אדער בעליידיגענדע ווערטער, קען מען פאָר־
דערן, אז דיעזע ווערטער זאלען אויפגענומען ווערן אין
פּראטאקאלל און מען קען ערהייבען א קלאגע געגען דעם
בעליידיגער. דאס קאמיטע האט אבער קיין רעכט צו בע־
שטראפען דעם בעליידיגער, זאנדערן מוז פארברענגען דיא
קלאגע פאר דיא ארגאַניזאציאן אין א פערזאמלונג און

דיא גאנצע ארגאניזאציאן האט דאס רעכט צו ענטשיידען, אויב דער בעליידיגער זאל בעשטראפט ווערן.

208. ווען עס קומט אריין א צושריפט אין א קא-מיטע אדער ווען א קאמיטע דארף אויס ארבייטען א דאקומענט, דארף מען עס פערהאנדלען, וויא מען פער-האנדעלט אזא געגענשטאנד אין א פערזאמלונג פון דער ארגאניזאציאן. מען דארף עס דורכלעזען און דעבאטירען דעריבער און דער בעשלוס פון קאמיטע דארף אנגעשריע-בען ווערן אויף אנאנדער פאפיער, וועלכעס ווערט אריינגע-בראכט אלס בעריכט פון קאמיטע.

209. ווען א קאמיטע האט געענדיגט זיין ארבייט דאס הייסט, מען האט זיך געאייניגט און מען איז געקו-מען צו א בעשלוס וועגען דיא אנגעלעגענהייט, וועגען וועלכע דאס קאמיטע איז ערנאנט געווארען, מאכט איי-נער פון דיא מיטגליעדער א פארשלאג, אז דאס קאמי-טע זאל שליעסען זיינע זיצונג און זאל אריינברענגען זיין בעריכט דער פערזאמלונג.

210. דער טשערמאן פון קאמיטע דארף שטע-הענדיג און אהן א הוט אפגעבען זיין בעריכט אדער פער-לעזען זיין בעריכט פאר דער פערזאמלונג. דאן מעג ער אדער אנאנדערער מיטגליעד פון דער פערזאמלונג שטע-לען דעם אנטראג, אז דיא פערזאמלונג זאל אננעהמען דיזען בעריכט.--געוועהנליך ווערט אזא בעריכט אנגע-

נומען, עס קען אבער פּאַרקומען, אז איינינע מיטגליע־
דער פון דער פערזאמלונג זאָלען ניט װעלען אננעהמען
אַזא בעריכט. דאן מוז עס קומען צו אן אבשטימונג,
אויב מען זאָל אננעהמען דעם בעריכט אָדער ניט.

211. אין ביידע פעללע, װען דער בעריכט פון אַ
קאָמיטע װערט אנגענומען אָדער ניט אנגענומען, קוים
האט אַ קאָמיטע אפּגעגעבען זיין בעריכט, װערט עס
בעטראַכט אלס אויפגעלעזט און די מיטגליעדער האַ־
בען מעהר קיין רעכט צו פערהאנדלען דיעזע פראַגע,
אויסער װען די פערזאַמלונג בעשליעסט, אַז מען זאָל
דיעזעלבע אנגעלעגענהייט איבערגעבען דעמזעלבען קאמיטע
עס זאָל נאך אַ מאל בעהאנדלען און זיך ערקונדיגען
איבער דערזעלבע אנגעלעגענהייט.

4. אַבטהיילונג.

דאס פלענאר קאָמיטע, פערזאמלונגס קאמיטע.

Committee of the whole.

212. װען די פערזאמלונג װיל זיך בעראטהען
און בעשליעסען איבער אן אנגעלעגענהייט, װעלכע דארף
איבער געגעבען װערן צו אַ קאָמיטע, אָדער װען מען האט
איבער געגעבען אן אנגעלעגענהייט צו אַ קאָמיטע און
מען נעפינט, אז דאס קאמיטע קען ניט קומען צו אַ

בעשלוס אין דיעזער אנגעלעגענהייט, קען זיא ערקלערן דיא גאנצע פערזאמלונג אלס קאמיטע אום צו בעהאנדלען דיעזע אנגעלעגענהייט. אזא פאלל הייסט אין דער פאר־לאמענטארישען שפּראכע ,The Committee of the whole דאס פלענאַר קאמיטע, אדער דאס פערזאמלונג קאמיטע, ווייל דיא גאנצע פערזאמלונג איז יעצט א קאמיטע.

213. אין אזא פאלל פערלאָזט דער פּאָרזיצענדער דעם טשער און דיא פערזאמלונג ערוועהלט זיך אַ פּאָר־זיצענדען דורך דעם וויס פרעזידענט אָדער דורך דעם סעקרעטער.

214. אַ פּלענאר קאָמיטע דארף פיהרען זיינע פער־האנדלונגען, וויא אַ פערזאמלונג, אָבער מיט פאָלגענדע אויסנאהמען. ערשטענס, אין אַ פּלענאר קאָמיטע מעג יעדעס מיטגליעד רעדען, וויא פיעל מאָל ער וויל און וויא לאנג ער וויל, אויך דער פּאָרזיצענדער מעג אנטהייל נעהמען אין דער דעבאטע. צווייטענס, אין א פּלענאר קאָמיטע קען מען ניט שטעלען דיא פּאָרפראגע, אָריגי־נאל פראגע און מען קען ניט פערלאנגען: „שלוס דער דע־באטע!“ מען קען אויך ניט שטעלען דעם אנטראג, אז מען זאל דיעזע אנגעלעגענהייט אפּלעגען, מען קען אבער שטעלען דעם אנטראג, שלוס דער זיצונג, דאס הייסט, בעטראכטען דיא אנגעלעגענהייט אלס ערלעדיגט.

15טעם קאַפּיטעל.

איבער בעאַמטען וואַהל.

215. עס איז אנגענומען אַלס רעגעל צו מאַכען די נאָמינאַציאָן אויף אַ מיטינג אָדער אויף מיטינגע פאַר דעם וואַהל אַבענד, אָבער מען קען אויך מאַכען די נאָמינאַציאָן אין דעם וואַהל אַבענד. אַלענפאַלס דאַרף מען עפענען אַ נאָמינאַציאָן, איידער מען שרייטעט צו דער וואַהל.

216. איידער מען שרייטעט צו דער וואַהל, דאַרף דער פאָרזיצענדער ערנענען פינף טעללער צעהלער, וועלכע הייסען דאס וואַהל קאָמיטע. דער ערשטער, וועמען דער פרעזידענט האט צו ערשט ערנאַנט, איז דער טשערמאַן פון דיעזען קאָמיטע. צוויא פון דיעזען קאָמיטע צעה-לען די שטימצעטעל. דער פיערטער עפענט זיי און דערלאַנגט יעדען צעטעל צום פינפטען, וועלכער לעזט אין דער הויך דעם נאַמען, וועלכער איז אָנגעשריעבען אויפ'ן צעטעל.

אין קלענערע אָרגאַניזאַציאָנען, וויא אין לאָדזשען און חברות, בעגניגט מען זיך מיט דרייא טעללער צעה-לער. איינער צעהלט די שטימצעטעל, דער אַנדערער עפענט זיי, לעזט זיי איבער און דער לאַנגט זיי דעם דרי-טען. וועלכער רופט אויס אין דער הויך דעם נאַמען וועלכער איז אָנגעשריעבען אויפ'ן שטימצעטעל.

217. אַ קאַנדידאַט אויף אַן אַמט קען ניט ער־
נאַנט ווערן אַלס צעהלער.

218. דאס רעזולטאַט פון דער וואַהל, וועלכע דיא
צעהלער ערקלערן, איז ענטשיידענט, מען קען דאגעגען
ניט פּראָטעסטירען און ניט דעבאַטירען, אויסער ווען עס
קען בעוויעזען ווערן, אַז דיא וואַהל איז צו גענאַנגען ניט
עהרליך, דאן קען מען ערקלערן דיא וואַהל אלס ניט
גילטיג, מען מוז אָבער דערצו האבען צווייא דריטעל
שטימען פון דער גאַנצער פערזאַמלונג. זעלבסט פער־
שטענדליך, אַז דאנן מוז מען ערנענען אַנדערע צעהלער,
זאָגאר ווען דיא פריהעריגע צעהלער זיינען ניט שולדיג
אין דער אונאָרדנונג פון דער פאָריגע וואַהל.

219. שטימצעטעל, וועלכע זיינען ניט דייטליך,
אָדער זיי זיינען אַזוי געשריעבען, אַז מען קען צווייפלען
וויא צו לעזען דעם נאַמען, ווערן ניט גערעכענט. מען
לעגט זיי אן אַ זייט און ד״ז טעללער ערקלערן, אַז עס
זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען אַזוי פיעל שטימען, דארונ־
טער געפינען זיך אזוי פיעל, וועלכע ווערן ניט גערעכענט
ווייל זיי זיינען ניט דייטליך.

220. דער נאָמינירטע קאנדידאט מעג אויך אָפּגע־
בען זיין שטימע און מעג שטימען פאַר זיך אַליין.

221. בעשליעסט דיא פערזאַמלונג צו ערוועהלען
אַ בעאמטען איינשטימיג אָדער פער אקקלאַמאַציאָן,

וויא עס הייסט אויף דער פארלאמענטארישער שפראכע, דארף דער סעקרעטער אנשרייבען דעם נאמען פון דיע־זען קאנדידאטען אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער און עס דער־לאנגען דעם פּאָרזיצענדען, וועלכער לעזט אין דער הויך אַז דיעזער און דיעזער איז ערוועהלט געוואָרען צו דיעזען אַמט איינשטימיג, אָדער פער אקקלאָמאציאָן.

222. ווען אַ בעאמטער רעזיגנירט און מען דארף וועהלען אן אנדערן אויף זיין אָרט ניט אין דער צייט פון דיא אַלגעמיינע וואהלען, דארף מען דאן קיינע צעה־לער, זאָנדערן דיא גאנצע פערזאמלונג ווערט בעטראכט אלס וואהל קאָמיטע.

223. אבוועזענדע מיטגליעדער קענען נאָמינירט ווערן, זיי קענען אבער ניט געוועהלט ווערן, ביז זיי ער־קלערן פערזענליך אָדער שריפטליך, אז זיי נעהמען אן דיא נאָמינאציאָן.

224. עס איז אָנגענומען אלס ברויך, מנהג, אז מען זאל ניט וועהלען יעדעס מאָל אלע נייע טרוסטים, זאָנ־דערן ווידער ערוועהלען איינעם אָדער צוויא פון דיא אלטע טרוסטים און דיא איבעריגע וועהלען נייע. דער גרונד דערפון איז, ווייל דיא אלטע טרוסטים זיינען שוין בעסער בעקאנט מיט דיא געשעפטען פון דער אָרגאני־זאציאָן.

שלום בעטראכטונגען.

225. דיא הויפט פפליכט און דיא וויכטיגסטע פפליכט פון פּאָרזיצענדען איז גענוי צו בעאָבאַכטען דיא פּער־האַנדלונגען פון דער פערזאַמלונג און זיך גוט צוהערן צו אַלעס, וואָס ידדעס מיטגליעד זאָגט. ער מוז גענוי בעאָבאַכטען דיא פּערהאַנדלונג אום צו האַלטען אָרדנונג און ניט צו פערליערן קיין צייט מיט איבעריגע דעבאַטען און רעדען ער מוז זיך צוהערן צו יעדעס וואָ־ט, וואָס אַ מעמבער זאָגט, וויל דאס פּאָרדערט דיא העפליכקייט און דער פּאָרזיצענדער דאַרף ווייזען אַ ביישפּיעל, אַז אַלע מיטגליעדער זיינען גלייך און דאַרפען גלייך רעס־פעקטירט ווערן, הויפּטזעכליך אבער אום צו געבען מוטה יעדען מעמבער צו רעדען און אַרויס צו זאָגען זיין מיי־נונג. ווען דער פּאָרזיצענדער הערט זיך גוט צו צו יע־דעס וואָרט, וואָס אַ מעמבער זאָגט, קען עס איהם שטענ־דיג געלינגען איינצוהאַלטען איהם, ווען ער זאָגט אַ ניט פּאַסענדעס וואָרט און דערמיט אוים מיידען אונרוהען, אונאַננעהמליכקייטען און צאנקערייען.

226. דער פרעזידענט אָדער פּאָרזיצענדער דאַרף קיין מאָל ניט פערגעסען. אַז מען קען טאָהן נור איין זאַך אין איין צייט. ער דארף אַלזאָ שטרענג אָפּהיטען, אַז דיא מיטגליעדער זאָלען זיך האַלטען אן איין פונקט

און זאָלען ניט איבערשפּרינגען פון איין פּונקט צום אַנדערען. ווען מען האַלט זיך אָן אַ געוויסען פּונקט און מען פערהאַנ־דעלט איהם ביז צו ענדע, ביז מען קומט צו אַ בעשלוס איבער איהם. ווען דער פּאָרזיצענדער גיט אַכטונג, אַז מען זאָל זיך האַלטען אָן אַ געוויסע שטרענגע אָרדנונג, ווערען דיא געשעפ־טען לייכט און שנעל אָפּגעמאַכט, און אַלע בלייבען צופריעדען.

227. דער פּאָרזיצענדער קען זיך אַ מאָל געפינען אין אַ פערלעגענהייט, עס זאָל איהם שווער זיין זיך צו געבען אַ ראַטה, וויא ער זאָל ענטשיידען אַ געוויסע פראַגע און וויא ער זאָל האַנדלען אין אַ געוויסער אַנגעלעגענהייט. אין אַזאַ פאַלל, דאַרף ער שטענדיג האָבען אין זינען, — „אַז אַלע דיעזע רע־געלן זיינען געמאַכט און אָנגענומען געוואָרען מיט דעם צוועק צופריעדען צו שטעלען אַלע מיטגליעדער און ניט זיי צו צווינ־גען זיך צו בייגען אונטער דיעזע רעגעלן. דיעזע רעגעלן זיי־נען געמאַכט געוואָרען אום צו ערלייכטערען דיא פערהאַנד־לונג און ניט זיא שווערער צו מאַכען“.

אידיש ווערטערבוך

העברעאישע עלעמענטען

צוזאמענגעשטעלט און ערקלעהרט פון

דר. ח. ספיוואק און יהואש

ענטהאלט:

אלע העברעאישע און כאלדעאישע ווערטער, אויס־
דרוקען און אייגעננעמען, וועלכע ווערען געברויכט
אין דער אידישער שפראך, מיט זייער אויסשפראך
און אקצענט און מיט ביישפיעלען פון ווערטלאך
און שפריכווערטער אין וועלכע זיי קומען פאר.
מיט אן איינלייטונג פון נויטיגע כללים און בע־
מערקונגען און א ביילאגע פון העברעאישע פראז־
נען־נעמען, פאמיליען־נעמען און נעמען פון פער־
איינען, חברות, שוהלען, בית־עולם׳ס, א. ז. וו.

געדרוקט אויף גוטע פאפיער און געבונדען
אין האלב מאראקא פראכט־באנד.

פרייז 2 דאלאר

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

העברעאיש ענגלישעס ווערטערבוך

STUDENTS' HEBREW AND CHALDEE DICTIONARY

פון אלכסנדר הארקאווי

דיעזער ווערטערבוך ענטהאלט:

1) אלע העברעאישע און אראמעאישע ווערטער, וועלכע געפי-נען זיך אין תנ"ך, איבערזעצט און ערקלעהרט אין דער ענגלישער שפראך.

2) די שרשים פון די ווערטער און זייערע אפשטאמונגען, ווי אויך ביי יעדען שם און פעל די פערשיעדענע פארמען, לויט זייערע נטיות (ביוגונגען).

3) ערקלעהרונגען פון פיעלע שווערע פסוקים אין תנ"ך, לויט די גרעסטע אלטע מפרשים און די בעסטע פארשער פון דער נייער צייט.

אויך איז צו דיעזען העברעאיש-ענגלישען ווערטערבוך צו-געגעבען א זאמלונג פון תלמודישע און נייהעברעאישע ווערטער, וועלכע קומען זעהר אפט פאר אין דער נייהעברעאישער ליטע-ראטור.

דיעזער ווערטערבוך ענטהאלט 887 זייטען, און איז געדרוקט אויף גוטע שעהנע פאפיער און געבונדען אין א פרעכטיגען באנד.

פרייז 2.50 דאלאר

HEBREW PUBLISHING CO., 50-52 Eldridge St., N. Y.

ווערטערבוך

אידיש־ענגליש און ענגליש־אידיש

פון

אַלכסנדר האַרקאַווי

דער פאָלשטענדיגער ווערטערבוך דורך וועלכען
הערר האַרקאַווי האָט זיך בעריהמט געמאַכט
אין דער גאַנצער וועלט.

ענטהאַלט:

אַלע ענגלישע ווערטער נאָכ'ן איי בי סי מיט זייער
אויסשפּראַכע און איבערזעצונג אין אידיש, און
אַלע אידישע ווערטער נאָכ'ן אַלף־בית מיט
די איבערזעצונג אין ענגליש.

דאָס איז צוויי ווערטערביכער:

איינער — ענגליש־אידיש, און אַ צווייטער —
אידיש־ענגליש.

צוזאַמען געבונדען אין איין באַנד, ענטהאַלט אי־
בער 1100 זייטען, געבונדען אין אַ פּראַכטפאַלען
קלאָטה־באַנד.

פּרייז 2 דאָלאַר

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

בעקוועם צו האַלטען אין פּאַקעט

ווערטערבוך

ענגליש־אידיש און אידיש־ענגליש

אין טאַשען פאָרמאַט

פון

אַלכסנדר האַרקאַווי

ענטהאַלט:

אַלע ענגלישע ווערטער נאָכ'ן איי בי סי, מיט
זייער אויסשפּראַכע און איבערזעצונג
אין אידיש, און אַלע אידישע ווער־
טער נאָכ'ן אַלף־בית מיט די
איבערזעצונג אין ענגליש.

פיין געבונדען אין קלאָטה 60 סענט

פיין געבונדען אין לעדער 75 סענט

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

לערנט זיך ענגלישע בריעף שרייבען!

בריפענשטעלער ענגליש־אידיש

פון

אלכסנדר הארקאווי

ענטהאלט:

פערשיעדענע געשעפטס־בריעף, פאמיליען־בריעף, ליעבע־בריעף, נאכפראגען, טעלעגראמען צו געבורטס־טעג און חתונות, רעגלען צו לעזען און א ספעציעלע אבטהיילונג צו לערנען שרייבען.

פיין בראשירט 30 סענט
פיין געבונדען 40 סענט

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
50-52 Eldridge St., New York.

אלענדארפס מעטהאדע

בעארבייט פון

אלכסנדר הארקאווי

א מעטהאָדע זיך אויסצולערנען פאָלקאָם די ענגלישע שפּראַך אָהן א לעהרער.

אַלענדאָרפס מעטהאָדע איז אײנגעטהײלט אין 78 לעקציאָנען; אין יעדער לעקציאָן קומט פאָר ווערטער, געשפּרעכען און גראַמאַטישע רעגלען. בעפאָר די לעקציאָנען קומט א בעזונדערע אבטהײלונג צו לערנען זיך לעזען און ספּעלען.

אום די ווערטער און גראַמאַטישע רעגלען זאָלען מעהר פערשטארקט ווערען אין די געדאַנקען, ווערט אם ענדע פון יעדען לעקציאָן געגעבען שטיקער לעזע־שטאָף צו איבערזעצען אין די ווערטער וואס זיינען פריהער פאָרגעקומען.

א שליסעל — וועלכע ענטהאַלט די ריכטיגע איבערזעצונג אין ענגליש — קומט צו ענדע פון בוך, אום דער שילער זאָל קענען אָבשטימען אויב זיין איבערזעצונג איז ריכטיג אָדער ניט.

ענטהאַלט 600 זייטען, געדרוקט אויף גוטען פּאַפּיער און געבונדען אין קלאָטה.

פּרייז 1 דאלאר

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
50-52 Eldridge St., New York.

ספעשעל באַרגיין

דער גרויסער

ענגליש־רוסישער ווערטערבוך:

פון

א. אלעקסאנדראָוו

דער פאָלשטענדיגסטער און בעסטער ווערטער־
בוך פון אלע ענגליש־רוסישע ווערטערביכער.
ענטהאלט איבער 900 זייטען, געדרוקט אויף גוטען
פאפיער, און געבונדען אין קלאָטה.

פרייז בלויז 2 דאלאר

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

ווערטערבוך ענגליש-רוסיש

(טאשען פארמאט)

פון

אלכסנדר הארקאווי

אַ פאָלשטענדיגער ענגליש־רוסישער ווערטער־
בוך, מיט די אויסשפּראַכע פון יעדען ענגלי־
שען וואָרט אין רוסישע בוכשטאַבען.

ניט קוקענדיג אויף זיין קליינעם פאָרמאט ענט־
האלט דיעזער ווערטערבוך מעהר ווערטער ווי
מאנכע פון די גרויסע ווערטערביכער. אויך זיינען
אין איהם אויפגענומען פיעלע פון די נייע ווערטער
וועלכע ווערען בעזונדערס בענוצט אין אמעריקא,
און געפינען זיך ניט אין קיינעם פון די אנדערע
ענגליש־רוסישע ווערטערביכער.

ענטהאלט 792 זייטען, געדרוקט מיט גרויסע
און קלאָהרע בוכשטאַבען, און געבונדען אין קלאָטה
פּראַכט־באנד.

פרייז 60 סענט

HFBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

ענגליש־רוסישע מעטהאָדע

פון

פ. מ. נוראק

א פאָלשטענדיגע מעטהאָדע צו לערנען ענג־ליש רעדען, לעזען און שרייבען.

איינגעטהיילט אין 5 טהייל

צוזאמען מיט איבונגען, ענגלישע אנעקדאָטען און טהיילען פון דער ענגלישער ליטעראטור אין פער־זען, ווי אויך אן ענגליש־רוסיש ווערטערבוך. ענטהאלט 384 זייטען.

פיין געבונדען אין סילק־קלאָטה.

פרייז 75 סענט

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
50-52 Eldridge St., New York.

בריפענשטעלער
ענגליש־אידיש (פאָלשטענדיג)
פון
אלכסנדר הארקאווי

אין 4 טהייל:

1טער טהייל — רעגלען צום לעזען און שרייבען.

2טער טהייל — בריעף; ווי: געשעפטס־בריעף, פאמיליען־בריעף, ליעבעס־בריעף, געבורטס־טעג און חתונות.

3טער טהייל — וויכטיגע ידיעות; ווי: ידיעות פון פאָסט, אייזענבאהן און טעלעגראף, סטאטיס־טיק, און פערשיעדענע אנדערע וויכטיגע זאכען.

4טער טהייל — בוכהאלטונג און קאָנטראקטען. א פאָלשטענדיגער וועג־ווייזער פיר אידען ווי צו פיהרען ביכער, שרייבען קאָנטראקטען, וועקסלען און אנדערע געזעצליכע פאפיערען.

געדרוקט אויף גוטען פאפיער און געבונדען אין קלאָטה.

פרייז 75 סענט

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

20-52 Eldridge St., New York.

בוכהאַלטונג
פיר אידען

צוזאַמענגעשטעלט נאָך ענגלישע לעהר־ביכער פון
בוכפיהרונג

פון

אלכסנדר הארקאווי

איז אַ לייכטע מעטהאָדע זיך אויסצולערנען
ווי צו פיהרען ביכער, שרייבען קאָנטראַקטען
און אַלע געשעפטליכע קאָרעספּאָנדענץ אין
אידיש און ענגליש.

פיין בראָשירט.

פרייז 25 סענט

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
50-52 Eldridge St., New York.

געאגראפיע

פון

אַלכסנדר האַרקאווי

די ערשטע גרינדליכסטע ווערק וועגען די וועלטבעשרייבונג וואָס איז ערשיענען אין אידיש.

דיעזעם ווערק איז אײַנגעטהיילט אין 3 אבטהיילונגען:

1. מאַטהעמאַטישע געאָגראַפיע.
2. פיזישע געאָגראַפיע.
3. פּאָליטישע געאָגראַפיע.

די געאָגראַפיע ענטהאַלט א גרויסע צאָהל צייכנונגען, בילדער און מאַפּס מיט ערקלעהרונגען, איז געדרוקט אויף דעם בעסטען, שעהנסטען און טייערסטען פּאַפּיער און געבונדען אין

צוויי עקסטרא שעהנע פּראַכט־בענדער.

פּרייז 2 דאלאר

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

די געשיכטע פון

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן

פון

ב. פייגענבוים

אַ בעשרייבונג פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן,
דער ערשטער פּרעזידענט פון די יונייטעד
סטייטס. געשילדערט זיינע פעהיגקייטען,
פּאַטריאָטישע געפיהלען אַלס שטאַאַטסמאַן,
זיין גייסט און שטרעבען פיר דעם אַלגעמיי־
נעם וואָהלזיין פיר דער מענשהייט.

פיין בראָשירט.

פּרייז 10 סענט

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
50-52 Eldridge St., New York.